בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פון חיזוק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא**

**תשפ"א**

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

קול
ברסלב
212-444-9191

חיזוק פאר די
אידישע שטוב
212-444-9169

**חיזוק יומי**

צו באקומען די חיזוק יומי

אימעיל
chizikyomi@gmail.com

טעלעפאון מעסידזשינג
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וִוי אַזוֹי הֵייל אִיךְ זִיךְ אוֹיס פוּן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת?.......א

זָאל אִיךְ דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר "תִּיקוּן קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָה"?.................................................ד

וָואס טוּ אִיךְ אַז מֶען רוֹדְפְט מִיךְ פַאר'ן אַרֶעסְטִירְן אַ מְגֻוֹּל?.ה

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער? ....ז

נָאכְ'ן בֶּעטְן אַזוֹי שְׁטַארְק, פַארְוָואס זֶע אִיךְ נָאכְנִישְׁט דִי יְשׁוּעָה?.................................................י

אִיךְ בִּין אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ שְׁנֶעל טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ?.................................................יג

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ טְרֶעפְן אַ וֶועג אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם מִיט חַיוּת אוּן גֶעשְׁמַאק?.................................................טו

וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ?.....................יח


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


זֶע צוּ שְׁמוּעֶסְן פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן .................א

מְסַדֵּר זַיין "אֲשֶׁר בְּנַחַל" אוֹיף אַ שֵׁיינֶעם פַארְנֶעם .................ב

גֵיין נָאר צוּ אַן עֶרְלִיכֶע קִיאָסְק ...........................................ב

דַיין זְכוּת אִיז זַייעֶר גְרוֹיס מִיטְ'ן הֶעלְפְן דְרוּקְן "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ד'"........................................................ג

נוּץ אוֹיס דֶעם גְרוֹיסְן טָאג, דַיין יוֹם הַחוּפָּה........................ג

אוֹיבּ מֶען ווִיל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, דַארְף מֶען זַיין אָפְּן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְווֵייטְן..................................................................ד

בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן מִצְרַיִם.............................................................................ו

תְּהִלִּים אִיז גֶעמִישְׁט פוּן צְווֵיי זַאכְן, פוּן לוֹיבְּן אוּן בֶּעטְן .......ט

מִיטְהַאלְטְן דֶעם שִׁיעוּר כְּלָלִי אִין הִלְכוֹת פֶּסַח פוּנֶעם דַיָין שְׁלִיטָ"א.......................................................................'

אַז אַ קִינְד חוּצְפָּה'ט זִיךְ דַארְף מֶען דָאס אָפְּשְׁטֶעלְן מִיט אַלֶע ווֶעגְן .............................................................. יא

אִיז דָאס מַיין שִׁידוּךְ? ווֶעט זִיךְ דָאס אוֹיסְאַרְבֶּעטְן?.......... יא

הֲלָכוֹת פוּן שַׁבָּת עֶרֶב פֶּסַח...........................................יב

מָאוִוים בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ שֵׁדִים, שֵׁדוֹת אוּן רוּחוֹת רָעוֹת............................................................................ טו

'אִיךְ בִּין הַיינְט מְקוּרָב גֶעווָארְן'.............................. טז

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִיר.............................................................................יח

עֶפֶענֶען אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ ..........כ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווִי אַזוֹי הֵייל אִיךְ זִיךְ אוֹיס פוּן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן זֶעכְצֶן אוּן אַ הַאלְבּ יָאר אוּן אִיךְ דַארְף זֵייעֶר ווִיכְטִיג הִילְף אוֹיף אַ פְּרָאבְּלֶעם. אַלְס אִינְגֶל הָאט דֶער יֵצֶר הָרָע מִיךְ אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אִין פְּגַם הַבְּרִית פַּאר בְּעֶרֶךְ אַ הַאלְבֶּע יָאר אוּן בִּיז יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ יְסוּרִים פוּן דֶעם; פְּחָדִים וְכוּ'. יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ נִסְיוֹנוֹת בְּמַחֲשָׁבָה, בְּעִיקָר אִין יְשִׁיבָה; הַאלְבּ פוּן מַיין כִּתָּה - קֶען אִיךְ נִישְׁט רֶעדְן מִיט זֵיי, אִיךְ וֶוער פַארְלוֹירְן פַאר יֶעדְן שֵׁיינֶעם בָּחוּר.

אַסַאךְ מָאל לוֹיף אִיךְ אַרוֹיס פוּן יְשִׁיבָה אוּן אִיךְ גֵיי אִין אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לֶערְנֶען. אֶפְשָׁר אִיז טַאקֶע בֶּעסֶער פַאר מִיר צוּ גֵיין אִין אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אָדֶער אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס הָאט מִיר שׁוֹין הַאלְבּ קְרַאנְק גֶעמַאכְט?

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן אִיךְ וֵוייס פוּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, וָואס דָאס רַאטֶעוֶועט מִיךְ מַמָּשׁ.

אַ צַדִיק הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס זֶעט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע הִרְהוּרִים; אִיךְ וֵוייס אָבֶּער נִישְׁט ווִי אַזוֹי דָאס צוּ מְקַיֵּים זַיין.

אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר מִיר.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״ו אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, עֶס אִיז דָא אַ וֶועג פַאר דִיר צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; לֵייג זִיךְ אַרַיין אִין לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דָאס אִיז אַ מֶעדֶעצִין פַאר דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע תַּאֲווֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: ״בָּנַי״, מַיינֶע קִינְדֶער, ״בָּרָאתִי יֵצֶר הָרַע״, אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, ״בָּרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין״, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער בַּאשַׁאפְן דִי תּוֹרָה, דָאס אִיז אַ רְפוּאָה פַארְ׳ן יֵצֶר הָרַע, ״וְאִם אַתֶּם עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה, אֵין אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ״, אוֹיבּ לֶערְנְט אִיר תּוֹרָה וֶועט אִיר נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם יֵצֶר הָרָע׳ס הֶענְט, ״וְאִם אֵין אַתֶּם עוֹסְקִין בַּתּוֹרָה, אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ״, אוּן אוֹיבּ לֶערְנְט אִיר נִישְׁט קַיין תּוֹרָה וֶועט אִיר זַיין אוּנְטֶער אִים (קִידוּשִׁין ל.).

אַז דוּ בִּיסְט נֶעבֶּעךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, דוּ הַאלְסְט אִין אֵיין פּוֹגֵם זַיין - זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה. וַוייל דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס וִויל אוּנְז אוֹיסְרַייסְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן פוּן יֶענֶע וֶועלְט - אִיז דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידוּשִׁין ל:): ״אִם פָּגַע בְּךָ מְנֻוָּל זֶה״, אוֹיבּ דֶער מְנֻוָּל, דֶער יֵצֶר הָרַע - הָאט דִיךְ אָנְגֶעטְרָאפְן אוּן דוּ ווִילְסְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן אִים, ״מָשְׁכֵהוּ לְבֵית הַמִּדְרָשׁ״, גֵיי אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען; וֶועסְטוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן אִים.

אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן; הֶער אוֹיס דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן מִיט אַן הוֹיךְ קוֹל (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עח): ״גִיוַואלְד, זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען!״ לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ, טְרַאכְט נִישְׁט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט

דִיר אַיין, אַז פוּן דִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין, דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן קַיין תְּשׁוּבָה; עֶנְדֶערְשׁ הֶער אוֹיס דֶעם רֶבִּי'ן וָואס זָאגְט דִיר: "דוּ וֶועסְט נָאךְ זַיין אַ צַדִיק, דוּ קֶענְסְט נָאךְ פַארֶערְכְטְן; טוּ תְּשׁוּבָה אוּן קֶער זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ פַּיינִיגְסְט זִיךְ. דֶערְצֵייל אִים וֶוען עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן, וִוי אַזוֹי עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּן וֶוער עֶס הָאט דִיר מְטַמֵּא גֶעוֶוען. טַעֲנָה זִיךְ מִיט אִים, גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס טוּ אִיךְ? אִיךְ בִּין אַרַיין אִין אַ זוּמְפּ אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט דִי וֶועג אַרוֹיס, אִיךְ פַאל אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְשְׁמִירְט אִין דִי עֲבֵירָה, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען פוּן דֶעם. אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, אִיךְ וֶוער אַזוֹי מְשׁוּגָע. אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי נִידְרִיגְסְטֶע פְּלַאץ פוּן אָרִיךְ אַנְפִּין דִקְלִפָּה, וואוּ אִיךְ גֵיי אוּן וואוּ אִיךְ שְׁטֵיי הָאבּ אִיךְ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת. הֶעלְף מִיר, נֶעם מִיר אַרוֹיס".**

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ זֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. זֶע צוּ הֶערְן כְּסֵדֶר לֶעבְּעֶדִיגֶע מוּזִיק, נִיגוּנִים וָואס מַאכְן פְרֵיילִיךְ, נִישְׁט קַיין שְׁטַייטֶע וֵויינֶעדִיגֶע נִיגוּנִים, נָאר לֶעבֶּעדִיגֶע נִיגוּנִים וָואס מַאכְט טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען.

שִׂמְחָה רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע קְלִיפּוֹת, שֵׁדִים וְרוּחוֹת רָעוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט, וֶוער עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָפּ פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קד, לד-לה): "אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה', יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ, וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם", אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט "יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ", - אִיז מֶער נִישְׁטָא קַיין עֲבֵירוֹת (עַיֵּין לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קסט).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# זָאל אִיךְ דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר "תִּיקוּן קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִיטָה"?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶרְשְׁטְנְס וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיר טוּט פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל. וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַפָּאר מֶענְטְשְׁן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶערַאטֶעוֶועט זֵייעֶר לֶעבְּן, זֵיי זָאגְן אַז אֲפִילוּ אִיר קֶענְט זֵיי נִישְׁט, הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען דוּרְךְ דִי שִׁיעוּרִים זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין אִידִישְׁקֵייט, אוּן צוּ הַתְמָדַת הַתּוֹרָה, אַרַיינְכַּאפְּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא אוּן נָאךְ שִׁיעוּרִים.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוָואלְט שׁוֹאֵל עֵצָה זַיין, הֱיוֹת אִיךְ דַארְף אַ וִויכְטִיגֶע יְשׁוּעָה אוּן אִיךְ וִויל אִיבֶּער דְרוּקְן אֵיינֶע פוּן דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָ"אשׁ זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט (אֲשֶׁר בַּנַחַל חֵלֶק כ"ט, מִכְתָּב ד'תשע"ג): "אֲנִי חָזָק בָּזֶה, מִי שֶׁיַדְפִּיס אֵיזֶה סֵפֶר מִסִּפְרִי, לֹא אָנוּחַ וְלֹא אֶשְׁקוֹט בְּעוֹלָם הַבָּא, עַד שֶׁאֶעֱשֶׂה לוֹ טוֹבָה", אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט פוּן דֶעם סֵפֶר "תִּיקוּן קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִיטָה" וָואס מוֹהֲרָ"אשׁ הָאט גֶעדְרוּקְט יָארְן צוּרִיק, אוּן לוֹיט וָואס אִיךְ וֵוייס אִיז עֶס מֶער נִישְׁטָא צוּ בַּאקוּמֶען, אָבֶּער הֱיוֹת עֶס אִיז נָאר אַ לִקּוּט מִיט עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער, וִויל אִיךְ וִויסְן צִי עֶס הֵייסְט אוֹיךְ אַ "סֵפֶר מִסִּפְרֵי מוֹהֲרָ"אשׁ"?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ...**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַוַדַאי וֶוערְט דָאס גֶערֶעכְנְט צְוִוישְׁן דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָ"אשׁ, דָאס אִיז דָאךְ פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע סְפָרִים וָואס מוֹהֲרָ"אשׁ הָאט גֶעדְרוּקְט; עֶס הָאט אִין זִיךְ שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק. עֶס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן מִיעוּט הַמַּחֲזִיק אֶת הַמְּרֻבֶּה; דִי פָּאר וֶוערְטֶער גֶעבְּט זֵייעֶר אַסַאךְ חִיזּוּק פַאר'ן מֶענְטְשׁ, מֶען דַארְף נִישְׁט מֶער פוּן

אֵיין וָוארְט חִיזוּק, אֵיין וָוארְט שֵׂכֶל אוּן דָאס בַּייט אִיבֶּער דֶעם גַאנְצֶן מֶענְטְשׁ.

דְרוּקְט דֶעם סֵפֶר קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן וֶועט אִיר זֶען גְלַייךְ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מֶען רוֹדְפְט מִיךְ פַאר'ן אַרֶעסְטִירְן אַ מְנֻוָּל?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹין אַסַאךְ יָארְן וָואס אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אוּן לֵיינֶען דִי בְּרִיוו, דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק.

פַאר אַ שְׁטִיק צֵייט צוּרִיק הָאט אַ בָּחוּר אַ מְנֻוָּל גֶעטְשֶׁעפֶּעט מַיין זוּן אוּן אִים מְטַמֵא גֶעוֶוען רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִיךְ בִּין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט עִנְיְנֵי רְפוּאָה אִין מַיין מִשְׁפָּחָה, הָאב אִיךְ זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעהֶערִיג אָפְּגֶעבְּן מִיט מַיין זוּן, אָבֶּער אַ צְוֵוייטֶער הָאט אַרַיינְגֶעגֶעבְּן אַ קְלַאגֶע קֶעגְן דֶעם מְנֻוָּל אוּן מֶען הָאט אִים אַרֶעסְטִירְט.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז עֶר אִיז גָאר בַּאקַאנְט אִין מַיין קְהִלָּה אוּן דֶערְפַאר הָאט מֶען מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ רוֹדְפְ'ן אִיבֶּער דֶעם; מֶען ווִיל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט אוּנְז, מֶען ווִיל אַז דָאס קִינְד זָאל צוּרִיק צִיעֶן אוּן זָאגְן לִיגְנְט אַז עֶס הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַּאסִירְט.

מִיר זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם; נִישְׁט גֶענוּג אַלֶע צָרוֹת אוּן יְסוּרִים וָואס מִיר זֶענֶען דוּרְךְ, דַארְפְן מִיר דָאס נָאךְ אוֹיךְ דוּרְכְגֵיין. אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט אוּנְז קֶענֶען מְחַזֵק זַיין.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, נָאךְ אַזַא מַעֲשֶׂה וָואס מֶען הָאט דִיר גֶע׳הַרְגְ׳עֶט דַיין קִינְד אוּן דַיין אֵייגֶענֶע קְהִילָה וִויל פַארְדֶעקְן אוֹיף דֶעם רוֹצֵחַ - וִוילְסְטוּ נָאכְצַאלְן זַיין אִין דִי קְהִילָה?! טְשֶׁעפֶּע זִיךְ אָפּ פוּן זֵיי, דָארְט אִיז נִישְׁט קֵיין פְּלַאץ פַאר דִיר; זוּךְ דִיר אַן עֶרְלִיכֶע קְהִילָה, אַ קְהִילָה וָואס אִיז נִישְׁט מְחַפֶּה אוֹיף בָּחוּרִים מְנֻוָּלִים.

עֶס אִיז בִּיטֶער שְׁוֶוער פַאר עֶלְטֶערְן וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אַזַא מַעֲשֶׂה, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ פַארְלוֹירְן אוּן מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, בִּפְרַט וֶוען דִי אֵייגֶענֶע נָאנְטֶע שְׁטֵייעֶן נִישְׁט מִיט. דָאךְ דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז אוֹיפְגֶעבְּן אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה, דוּ דַארְפְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דַיין שְׁטוּבּ, זַיין אַ טַאטֶע פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַ מַאן פַאר דַיין וַוייבּ.

מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען אַלֶעס צוּרִיקְדְרֵייעֶן; תְּפִלָּה אִיז הֶעכֶער פוּן טֶבַע, דִי טֶבַע זָאגְט אֵיין זַאךְ אוּן תְּפִלָּה דְרֵיידְט אִיבֶּער דִי טֶבַע. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה יד ע״ב; יְבָמוֹת סד): ״לָמָּה נִמְשְׁלָה תְּפִלָּתָן שֶׁל צַדִּיקִים כְּעֶתֶר״, פַארְוָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי תְּפִלָּה פוּן צַדִּיקִים אַ גְרוֹיסֶע שָׁאוְל? ״מַה עֶתֶר זֶה מְהַפֵּךְ אֶת הַתְּבוּאָה בַּגֹּרֶן מִמָּקוֹם לְמָקוֹם, אַף תְּפִלָּתָן שֶׁל צַדִּיקִים מְהַפֶּכֶת מִדּוֹתָיו שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִמִּדַּת רַגְזָנוּת לְמִדַּת רַחֲמָנוּת״, אַזוֹי וִוי דִי גְרוֹיסֶע שָׁאוְל דְרֵיידְט אִיבֶּער דִי תְּבוּאָה פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן, מֶען מִישְׁט מִיט דִי תְּבוּאָה מִיט דִי גְרוֹיסֶע כֵּלִי; אַזוֹי אוֹיךְ דִי תְּפִלָּה פוּן צַדִּיקִים דְרֵיידְט אִיבֶּער כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס זָאל זַיין נָאר רַחֲמִים.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן, דִי עֵצָה וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרֵיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת. גֵיי יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל אַלֵיין שְׁפַּאצִירְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס

וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער; אָנְגֶעהוֹיבְּן דָאס וָואס דוּ דַארְפְּסְט אַ רְפוּאָה וְכוּ׳, דֶערְצֵייל אִים וֶועגְן דַיין קִינְד און נָאכְדֶעם די גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע מִיט די קְהִילָה, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיין קִינְד זָאל אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ, עֶר זָאל אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ, לָאז נִישְׁט דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אַרָאפְּפַאלְן; זַיי וַוייטֶער מְחַנֵךְ דַיינֶע קִינְדֶער, רֶעד צוּ זֵיי, גֶעב זֵיי צוּ פַארְשְׁטֵיין זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן מְנֻוָלִים, קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן. לֵייג אַרַיין אִין זֵיי אַ זִיכֶערְקֵייט זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דֶערשְׁרֶעקְן פוּן גָארְנִישְׁט, זֵיי זָאלְן ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט זֵיי. לֶערְן זֵיי אוֹיס זֵיי זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס זֵיי דַארְפְן; דָאס וֶועט זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן, דָאס וֶועט צוּרִיק אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי אַ זִיכֶערְקֵייט, זֵיי וֶועלְן קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן און זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט אִיבֶּער נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער, אָבֶּער פוּן צְוֵוייטֶע זַייט זֶעט מֶען אִין די גְמָרָא (בְּכוֹרוֹת מו.) אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד וָואס פְלֶעגְט שְׁלָאגְן די קִינְדֶער גָאר שְׁטַארְק, בִּיז צוּם טוֹיט און דֶערְפַאר הָאט אִים רַב אַחָא אַוֶועקְגֶענוּמֶען די מְלַמְדוּת, אָבֶּער רַבִינָא הָאט אִים צוּרִיק גֶעשְׁטֶעלְט וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַ צְוֵוייטֶער מְלַמֵד וָואס זָאל אַזוֹי גוּט לֶערְנֶען מִיט די קִינְדֶער. דָאס הֵייסְט אַז אֲפִילוּ עֶר הָאט מַמָשׁ גֶע'רַצְח'עְט די קִינְדֶער, הָאט מֶען אִים גֶעלָאזְט דָארְטְן זַיין מְלַמֵד, וַוייל עֶר הָאט גוּט גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי. אִין רַמְבַּ"ם און אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט אוֹיךְ גֶע'פַּסְקְ'נְט אַז מֶען מֶעג שְׁלָאגְן אַ תַּלְמִיד; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק ווִי די מַעֲשֶׂה אִין די גְמָרָא.

קֶען מֶען דֶען אוֹיסְרַייסְן אַן הֲלָכָה אוּן זָאגְן אַז מֶען טָאר אִינְגַאנְצְן נִישְׁט שְׁלָאגְן אַ קִינְד אָדֶער אַ תַּלְמִיד וָואס פִּירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין?

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דֶער ראש יְשִׁיבָה זָאל זֶען אַסַאךְ נַחַת פוּן אַלֶע תַּלְמִידִים אוּן פוּן דִי גְרוֹיסֶע שְׁוֶועֶרֶע הֵיילִיגֶע עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי - הַחוֹדֶשׁ, מְבָרְכִים נִיסָן, כ"ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ פְרֶעגְסְט זֵייעֶר גוּט, וִוי קֶען מֶען זָאגְן 'נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער' וֶוען שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, כד): "חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ", דֶער וָואס נֶעמְט אַוֶועק דֶעם שְׁטֶעקְן פוּן זַיין זוּן, "שׂוֹנֵא בְנוֹ", דֶער הָאט פֵיינְט זַיין זוּן, "וְאֹהֲבוֹ", אוּן דֶער וָואס לִיבְּט זַיין זוּן, "שִׁחֲרוֹ מוּסָר", גֶעבְּט אִים שְׁטֶענְדִיג מוּסָר; פְרֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (יַלְקוּט מִשְׁלֵי, רֶמֶז תתקנ; מִדְרָשׁ מִשְׁלֵי, יג): אִיז דֶען דָא אַ טַאטֶע וָואס זָאל פַיינְט הָאבְּן זַיין קִינְד? "אֶלָּא מִתּוֹךְ שֶׁאֵין מוֹכִיחוֹ עַל הַתּוֹרָה וְהַחָכְמָה וְדֶרֶךְ אֶרֶץ, עָתִיד לִשְׂנֹאתוֹ", נָאר אַז מֶען מוּסָר'ט נִישְׁט דָאס קִינְד וֶועט עֶר נִישְׁט לֶערְנֶען, נִישְׁט דַאוֶוענֶען אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין גוּטֶע מִידוֹת, וֶועט עֶר אִים בַּיים סוֹף פַיינְט הָאבְּן, "אֲבָל אִם מוֹכִיחוֹ", אָבֶּער דֶער טַאטֶע וָואס מוּסָר'ט יָא, "נַעֲשֶׂה אֹהֲבוֹ", וֶועט בַּיים סוֹף לִיבּ הָאבְּן זַיינֶע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: "וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר"; אִיז דָאךְ גֶעדְרִינְגֶען אַז מֶען דַארְף יָא לִכְאוֹרָה שְׁלָאגְן קִינְדֶער!

דִי קַשְׁיָא הָאט מֶען אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן; עֶס שְׁטֵייט דָאךְ קְלָאר (מִשְׁלֵי יג, כד): "חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ", דֶער וָואס נֶעמְט אַוֶועק זַיין שְׁטֶעקְן, "שׂוֹנֵא בְנוֹ", וֶועט פַיינְט הָאבְּן זַיין זוּן, וַוייל אַז עֶר שְׁטְרָאפְט אִים נִישְׁט - וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה! הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אִין פָּסוּק 'מֶען זָאל שְׁלָאגְן', עֶס שְׁטֵייט 'מֶען זָאל הָאבְּן אַ שְׁטֶעקְן';

מֶען זָאל וַוייזְן דֶעם שְׁטֶעקְן פַאר'ן קִינְד וֶועט עֶר שׁוֹין פוּן דֶעם זִיךְ טוֹישְׁן צוּם גוּטְ'ן, מֶען דַארְף נִישְׁט דֶעם שְׁטֶעקְן צוּ שְׁלָאגְן, עֶס אִיז גֶענוּג דָאס וַוייזְן עֶר זָאל מוֹרָא הָאבְּן אוּן גֵיין אוֹיפְ'ן גוּטְ'ן וֶועג".

חַס וְשָׁלוֹם צוּ זָאגְן אַז מֶען רַייסְט אוֹיס אַן הֲלָכָה; אַדְּרַבָּה, נֶעם דִי מִי אוּן קוּק וִוי אַזוֹי מֶען פַּסְקְ'נְט, עֶס אִיז אַן הֲלָכָה מְפוֹרֶשֶׁת (שֻׁלְחָן עָרוּךְ הָרַב יוֹרֶה דֵעָה, הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה פֶּרֶק א, סְעִיף יג): "תִּינוֹק שֶׁאֵינוֹ רוֹצֶה לִקְרוֹת", אַ קִינְד וָואס וויל נִישְׁט לֶערְנֶען, "לֹא יַכֶּה אוֹתוֹ הַמְּלַמֵּד מַכַּת אַכְזָרִי", זָאל דֶער מְלַמֵּד אִים נִישְׁט שְׁלָאגְן מֶערְדֶערְלִיכֶע קְלֶעפּ, "לְפִיכָךְ לֹא יַכֵּהוּ בְּשׁוֹטִים וְלֹא בְּמַקֵּל", דֶערִיבֶּער טָאר אַ מְלַמֵּד נִישְׁט שְׁלָאגְן מִיט קַיין שְׁטֶעקְן, "אֶלָּא בִּרְצוּעָה קְטַנָּה", נָאר מִיט אַ קְלֵיינֶע שִׁיךְ בֶּענְדְל, "אִם קוֹרֵא, קוֹרֵא", אוֹיב וֶועט עֶר לֶערְנֶען, וֶועט עֶר לֶערְנֶען, "וְאִם אֵינוֹ קוֹרֵא בְּהַכָּאָה זוֹ", אוּן אוֹיב וֶועט עֶר נָאכְאַלְץ נִישְׁט וֶועלְן לֶערְנֶען, "יִהְיֶה יוֹשֵׁב כָּךְ עִם חֲבֵרָיו, לִהְיוֹת לָהֶם לְחֶבְרָה", זָאל עֶר אִים לָאזְן זִיצְן מִיט דִי חֲבֵרִים, "וְסוֹפוֹ אֶפְשָׁר יִתֵּן לִבּוֹ", אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועט עֶר זִיךְ אֶפְשָׁר מִיטְכַאפְּן מִיט זֵיי.

אִיז דָאךְ קְלָאר דִי הֲלָכָה אַז מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער, נָאר מִיט אַ בֶּענְדְל זֵיי אוֹיפְוֶועקְן זֵיי זָאלְן מִיט הַאלְטְן; פַּארְקֶערְט, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן; דִי הֲלָכָה אִיז (שָׁם): "וּמְלַמֵּד תִּינוֹקוֹת הַחוֹבֵט יוֹתֵר מִדַּאי", אַ מְלַמֵּד וָואס שְׁלָאגְט מֶער ווִיפִיל עֶר מֶעג, "מַעֲבִירִין אוֹתוֹ", מַאכְט מֶען אִים אוֹיס מְלַמֵּד, "וְהוּא עוֹבֵר בְּלֹא תַעֲשֶׂה כִּי מֵאַחַר שֶׁמַּכֶּה שֶׁלֹּא בִּרְשׁוּת הֲרֵי זֶה כְּמַכֶּה אֶחָד מִשְּׁאָר יִשְׂרָאֵל", עֶר אִיז עוֹבֵר אוֹיף אַ לַאו, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר שְׁלָאגְט אַ צְוֵוייטְן אִיד.

דֶער מְצִיאוּת אִיז אַז דִי אַלֶע וָואס שְׁלָאגְן אוּן פַּאטְשְׁן - דָאס קוּמְט פוּן וֵוייניג גֶעדוּלְד אָדֶער פוּן נִישְׁט זַיין אִיבֶּערְגֶעטְרַאכְט צוּלִיב אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט. אִין דִי פֶּעלֶער וָואס מֶען דַארְף שׁוֹין יָא גֶעבְּן אַ פֶּעטְשְׁל פַאר אַ קִינְד, וֶוען עֶר פִירְט זִיךְ מִיט חוּצְפָּה אָדֶער וֶוען עֶר טוּט סַכָּנָה'דִיגֶע זַאכְן, דַארְף דָאס זַיין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעטְרַאכְט. מִיט גְרוֹיס יִשּׁוּב הַדַּעַת, אָן קַיין פַארְלוֹירְנְקֵייט. וֶוען מֶען שְׁלָאגְט פוּן פַארְלוֹירֶנְקֵייט אָדֶער פוּן כַּעַס - אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִינוּךְ; אֲפִילוּ מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה אַז דָאס אִיז חִינוּךְ, דַארְף

מֶען ווִיסְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חִינוּךְ, נָאר דִי כַּעַס און דִי נֶערְווְן רֶעדְן אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ 'יֶעצְט דַארְף מֶען שְׁלָאגְן', 'יֶעצְט דַארְף מֶען פְּרַאסְקֶענֶען'.

עֶלְטֶערְן און מְלַמְּדִים וָואס ווִילְן מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער, מִיט דִי תַּלְמִידִים - דַארְפְן גִיסְן טְרֶערְן טָאג און נַאכְט, זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ, דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן צַדִיקִים.

מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ און עֶר הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֵפֶץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעווִיזְן פַּאר דֶעם אִיד און אִים גֶעזָאגְט: "זֶעסְט? דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָׁלוֹם וואוּ זִי פְּלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נָאכְ'ן בֶּעטְן אַזוֹי שְׁטַארְק, פַּארְוָואס זֶע אִיךְ נָאכְנִישְׁט דִי יְשׁוּעָה?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ זוּךְ אַ צַדִיק וָואס זָאל מִיר הֶעלְפְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵׁם, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אַז מֶען דַארְף הָאבְן אַ צַדִיק, און בָּרוּךְ הַשֵׁם אַז אִיךְ הָאב גֶעטְרָאפְן דִי בְּרִיוו און שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ זַיין נָאר וואוֹיל און עֶרְלִיךְ, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ און נְשָׁמָה, דַאוֶוענֶען ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין מִיט מְתִינוּת און כַּוָונָה, גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה, זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן און זַיין נָאר גוּט און וואוֹיל. לֵיידֶער בִּין אִיךְ אַמָאל גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל עֲבֵירָה, דוּרְךְ אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מֶעטָאד וָואס אִיךְ בִּין דוּרְךְ, הָאב אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען תְּשׁוּבָה צוּ

טוּן, אִיךְ וֶועל נִישְׁט אוֹיסְרֶעכֶענֶען דָא פּוּנְקְטְלִיךְ וִוי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט, אָבֶּער דִי נְקוּדָה אִיז אַז דִי זֶעלְבֶּע בְּרֶען אוּן פֵייעֶר וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְט אִין מִיר פַּאר עֲבֵירוֹת, הָאבּ אִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּם גוּטְן, צוּ בְּרֶענֶען נָאר פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הַאלְט שׁוֹין דָא.

אָבֶּער כָאטְשׁ וָואס אִיךְ פִּיל יֶעצְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶע אִיךְ אָבֶּער אַז מַיינֶע תְּפִלּוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת וֶועגְן פַּרְנָסָה וֶוערְן נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן אִיךְ דַארְף חִיזּוּק אוֹיף אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פַּארְקוֹיפְן מַיין דִירָה אִין אַ צְוֵוייטֶע שְׁטָאט צוּ קֶענֶען קוֹיפְן אַ דִירָה דָא וואוּ אִיךְ וואוֹין, אָבֶּער זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט וִוי אִיךְ וִויל, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם פַּאר אַ הַאלְבֶּע יָאר אִין אַ צוּ, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ צוּגֶעלֵייגְט סְפֶּעצִיעֶלֶע תְּפִלּוֹת בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי סְגוּלָּה אַז פַּאר פֶּערְצִיג טֶעג הָאבּ אִיךְ זִיךְ גָאר שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אִין קְדוּשָּׁה, אוּן דֶערְוַוייל רִירְט זִיךְ גָארְנִישְׁט צוּם גוּטְן, אוּן כְּסֵדֶר קוּמֶען צוּ נָאךְ פְּרִישֶׁע שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען מִיט גֶעלְט זַאכְן.

אִיךְ ווֵייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אַלֶעס נָאר פַאר מַיין טוֹבָה, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ מִיט מַיין ווַייבּ אוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זֶענֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, וָואס פַאר דֶעם קֶען אִיךְ נִישְׁט גֶענוּג אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְן, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אוֹיף טָאג טֶעגְלִיכֶע פַּרְנָסָה אִיז דָא, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ נָאךְ אַ קְלֶעם אִין הָארְץ, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אוֹיבּ אִיךְ וֶועל בֶּעטְן מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר זִיכֶער הֶעלְפְן אוּן אַלֶעס וֶועט פָּארְן וִוי גֶעשְׁמִירְט, אָבֶּער דֶערְוַוייל זֶע אִיךְ נָאכְנִישְׁט דִי יְשׁוּעָה.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן אוּן מְחַזֵּק זַיין.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי - הַחוֹדֶשׁ, מְבָרְכִים נִיסָן, כ"ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

**וֶוען מֶען וַוארְט מִיט גֶעדוּלְד, מֶען הָאט סַבְלָנוּת - זֶעט מֶען בַּיים סוֹף וִוי**

אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען לְטוֹבָה; מֶען קוּקְט צוּרִיק, מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ וָואס מֶען אִיז אַמָאל אַרִיבֶּער - זֶעט מֶען ווִי שַׁיין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט, ווִי שַׁיין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט; טַאקֶע פוּן דִי בִּיטֶערְנִישׁ אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען זִיסְקֵייט.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן דָאס וָוארְט פוּן הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (תּוֹרַת מֹשֶׁה כִּי תִשָּׂא, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל וְרָאִיתָ הב') וָואס עֶר טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (שְׁמוֹת לג, כג): "וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ", יֶעדֶער אֵיינֶער ווִיל זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען ווִיל פַארְשְׁטֵיין 'וָואס גֵייט זַיין?' 'פוּן וואוּ גֵייט קוּמֶען דִי יְשׁוּעָה?' מֶען קֶען דָאס אָבֶּער נִישְׁט זֶען, נָאר אַז מֶען קוּקְט צוּרִיק זֶעט מֶען ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "וְרָאִיתָ - אֶת אֲחֹרָי", קוּק אוֹיף צוּרִיק, קוּק וָואס פַאר אַ חֲסָדִים אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן מִיט דִיר - וֶועסְטוּ מִיר זֶען; אָבֶּער "וּפָנַי - לֹא יֵרָאוּ", 'וָואס וֶועט זַיין? ווִי אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן דִי יְשׁוּעָה?' דָאס וֵוייסְט מֶען נִישְׁט אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט זֶען פוּן פָארְאוֹיס, נָאר מֶען דַארְף גְלֵייבְּן, וַוארְטְן, הָאפְן אוּן בֶּעטְן.

דוּ מֵיינְסְט יֶעצְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט דִיר שְׁלֶעכְטֶס, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט אוֹיסְוַוארְטְן וֶועסְטוּ זֶען וָואס פַאר אַ נִיסִים עֶס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דֶעם. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (מִדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב, קיח): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים קיח, כא): "אוֹדְךָ כִּי עֲנִיתָנִי וַתְּהִי לִי לִישׁוּעָה", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ פָארְן צוּ אַ וַוייטֶע לַאנְד מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן אִין פַארְקוֹיפְן זַיין סְחוֹרָה, עֶר הָאט אַיינְגֶעקוֹיפְט אַסַאךְ סְחוֹרָה אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ מִיט גֶענוּמֶען עֶטְלִיכֶע שׁוּתָּפִים כְּדֵי צוּ קֶענֶען פַארְדִינֶען אַסַאךְ גֶעלְט. וֶוען מֶען הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט צוּ פָארְן הָאט עֶר בַּאקוּמֶען הוֹיךְ פִיבֶּער וָואס צוּלִיב דֶעם הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט מִיט פָארְן, זֶענֶען דִי אַנְדֶערֶע שׁוּתָּפִים אַלֵיינְס אַרוֹיסְגֶעפָארְן אוֹיפְ'ן לַאנְגְן וֶועג אוּן מֶען הָאט אִים אִיבֶּער גֶעלָאזְט. הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מַה עֲווֹנוֹתַי וְחָטָאתִי אַז דָאס הָאט מִיר פַּאסִירְט?" אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן דִי צַעַר, עֶס הָאט אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן פַארְוָואס פוּנְקְט עֶר, וָואס עֶר אִיז אַזוֹי עֶרְלִיךְ וְכוּ' - דַארְף אִיבֶּערְבְּלַייבְּן אוּן קֶען נִישְׁט מִיטְגֵיין. אַפָּאר טֶעג שְׁפֶּעטֶער הָאט

עֶר גֶעהֶערְט אַז אַלֶע רֵייזְנְדֶע אוֹיפְ'ן שִׁיף זֶענֶען אוּמְגֶעקוּמֶען פוּן אַ רוֹיבֶעֲרֵיי, מֶען הָאט זֵיי אַלֶע גֶע'הַרְגְ'עֶט רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן נָאר עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן. הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (יְשַׁעְיָה יב, א): "אוֹדְךָ ה' כִּי אָנַפְתָּ בִּי, יָשֹׁב אַפְּךָ וּתְ'נַחֲמֵנִ'י", אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ הָאסְט אוֹיף מִיר גֶעצֶערְנְט אוּן מִיר דֶערְנָאךְ גֶעטְרֵייסְט, וָואס אִין דֶעם פָּסוּק אִיז מְרוּמָז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען וּתְ'נַחֲמֵנִ'י; וַוייל דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוֹיס מֶען זָאל לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אוּן גְלֵייבְּן אַז גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר; הָאסְט אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער אַלֶע זֶענֶען גֶעזוּנְט, דַאנְק אִים אַז דוּ הָאסְט פַּרְנָסָה; נֶעם אַרוֹיס דִי קְלֶעם פוּן הַארְץ, גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אִיז נָאר לְטוֹבָה, וֶועסְטוּ זֶען מִיט דַיינֶע אוֹיגְן דִי נִיסִים וָואס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ בִּין אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ שְׁנֶעל טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וואוֹין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעוָואלְט מְחַזֵּק זַיין אִיר זָאלְט וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אִיר הָאט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וִוי שְׁטַארְק מֶען הָאט אַייךְ דָא לִיבּ אוּן וִויפִיל חִיזוּק מִיר בַּאקוּמֶען פוּן אַייךְ.

אִיךְ בִּין זֶעקְס אוּן צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט, אִיךְ קוּם פוּן אַ פְרֵייעֶ מִשְׁפָּחָה אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אָבֶּער דֶערְוַוייל וואוֹין אִיךְ נָאךְ בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דָאס גֶעלְט צוּ קֶענֶען נֶעמֶען אַן אֵייגֶענֶע דִירָה, אוּן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר

שְׁוֶוער צוּ הִיטְן תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת בַּיי מַיין מִשְׁפָּחָה, ווייל זֵיי הָאבְּן עֶס זֵייעֶר נִישְׁט לִיבּ אוּן שְׁטֶערְן מִיר, דָאס מַאכְט מִיר פִיל צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ.

אִיךְ בִּין דוּרְךְ פִילֶע שְׁוֶועריקֵייטְן אִין לֶעבְּן, אוּן אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע פְרוֹי אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי פְרֵייעֶ שְׁטוּבּ וואוּ אִיךְ וואוֹין יֶעצְט, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ.

אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם; אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אוּן דָארְט אוֹיךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם, אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן גֶעלְט צוּ דְרוּקְן אֲשֶׁר בַּנַחַל, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין צְווֵיי מָאל אוֹיסְגֶעזָאגְט גַאנְץ תְּהִלִּים שְׁטֵייעֶנְדִיג בַּיים צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אִין יַבְנְאֵל, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים, אָבֶּער דֶערְוַוייל בִּין אִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן. אִיךְ בִּין בִּכְלַל נִישְׁט יוּנְג אוּן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר בִּיטֶער דָאס לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מָמוֹן, סִימָן מו): "בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה תְּבַקֵּשׁ אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁיִּתְפַּלֵּל עָלֶיךָ", דֶערְפַאר טוּ אִיךְ דָאס מַיינִיגֶע, אִיךְ בֶּעט אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִתְפַּלֵל זַיין פַאר מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ אוּן מַיין לֶעבְּן זָאל שׁוֹין וֶוערְן אוֹיפְגֶערָאכְטְן, ווייל אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי - הַחוֹדֶשׁ, מְבָרְכִים נִיסָן, כ״ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווארויל אִיז דִיר אוּן ווארויל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אוּן דוּ פִירְסְט זִיךְ עֶרְלִיךְ מִיט דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה.

דַיין זְכוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת לד:): ״בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִים שָׁם, אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִים לַעֲמוֹד״, אַ בַּעַל

תְּשׁוּבָה אִיז מֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים; דוּ בִּיסְט אָנְגֶעקוּמֶען בַּיים כִּסֵּא הַכָּבוֹד אַלֵיינְס. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה שֶׁמַּגַּעַת עַד כִּסֵּא הַכָּבוֹד", תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה, עֶר לָאזְט אָפּ זַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים, עֶר הֵייבְּט אָן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה - קוּמְט עֶר אָן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ וֶועל דַאוֶונֶען פַּאר דִיר דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן בְּקָרוֹב דַיין שִׁידוּךְ אוּן זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין דַיינֶע עֶלְטֶערְן; אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה דַארְף זֵייעֶר אַסַאךְ חִיזּוּק אוֹיף כִּיבּוּד אָב וָאֵם, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין עֶרְלִיךְ וֶוען אַלֶע מַאכְן חוֹזֶק אוּן אַלֶע לַאכְן, מֶען אִיז אֵיינֶער אַלֵיינְס; אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט מֶען נִסְיוֹנוֹת, דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט צוּרִיק אוּן ווִיל צוּרִיק אַרַיין שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין זַיין פַארְגַאנְגֶענְהֵייט. זָאלְסְט נִישְׁט רֶעדְן מִיט חוּצְפָּה צוּ זֵיי; דוּ זַיי מְכַבֵּד טַאטֶע מַאמֶע מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס כָּבוֹד, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אַלֶע וֶועלְן בַּיים סוֹף תְּשׁוּבָה טוּן, דוּרְכְדֶעם וָואס זֵיי וֶועלְן זֶען ווִי שֵׁיין דוּ פִירְסְט זִיךְ; דַיין שְׁטַארְקֵייט, דַיין זִיכֶערְקֵייט אוּן דַיין כָּבוֹד פַאר טַאטֶע מַאמֶע.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיר דֶערְצֵיילְן שְׁנֶעל דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז דוּ בִּיסְט אַ חָתָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ טְרֶעפְן אַ וֶועג אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם מִיט חַיּוּת אוּן גֶעשְׁמַאק?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיז אוֹיפְגֶעוואקְסְן אִין אַ גֶעוִויסֶע חֲסִידוּת, וָואס שׁוֹין פוּן

גָאר יוּנג הָאבּ אִיךְ גֶעוֶוען אַז דִי חֲסִידוּת אִיז נִישְׁט פַאר מִיר. אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַ וַוארֶעמֶער מֶענְטְשׁ, פוּל מִיט הֶרְגֵּשִׁים, אָבֶער אִין אוּנְזֶער חֲסִידוּת גֵייט אַלֶעס צוּ מֶער טְרוּקְן אוּן קַאלְט, אָן קַיין גֶעפִילְן, אוּן אַזוֹי אִיז אוֹיךְ אִין מַיין מִשְׁפָּחָה. מַיין נַאטוּר אִיז אָבֶער פוּנְקְט פַארְקֶערְט פוּן דֶעם אוּן דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט אַסַאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען אַלְס קִינְד אוּן נָאכְדֶעם אַלְס בָּחוּר.

אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען, אוּן אַזוֹי הָאבְּן מִיר קְלוּגֶע אִידְן אוֹיךְ גֶעזָאגְט - אַז עֶס וָואלְט גֶעוֶוען בֶּעסֶער פַאר מִיר צוּ גֵיין לֶערְנֶען אִין אַן אַנְדֶערֶע יְשִׁיבָה, נִישְׁט פוּן מַיין חֲסִידוּת, אָבֶער מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ גֶעשֶׁעמְט אַז אִיךְ זָאל גֵיין לֶערְנֶען אִין דִי פְרֶעמְד, אוּן אַזוֹי זֶענֶען מַיינֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי גוּט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַזוֹי מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן דִי קוּנְטְרֵסִים "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", אוּן דָאס הָאט מִיר גֶעעֶפְנְט אַ נֵייעֶם בְּלִיק אִין לֶעבְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ מַמָּשׁ גֶעטְרָאפְן אִין דִי בְּרִיוו, אִיךְ שְׁפִּיר אַז דָאס רֶעדְט צוּ מַיין הַארְץ אוּן אִיךְ ווִיל ווִיסְן ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען וֶוערְן אַ תַּלְמִיד פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען אָנְגֵיין מִיט מַיין וֶועג אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוּן נִישְׁט נִתְפָּעֵל וֶוערְן פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה אוּן חֲבֵרִים. אִיךְ גְלוֹיבּ אַז דָאס אִיז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל פוּן מִיר, אוּן עֶס אִיז דָא אַסַאךְ וֶועגְן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַיין מִשְׁפָּחָה הַאלְט אָבֶער נִישְׁט אַזוֹי.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי - הַחוֹדֶשׁ, מְבָרְכִים נִיסָן, כ״ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי קֶענְסְטוּ זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן; אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן, זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן אוּן אִין דִי שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי׳ן - וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען פַארְרוּפְן אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי׳ן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן קצב): ״פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים

בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִּיק - גֶעפוּנְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים; אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין שִׁיעוּרִים אִין דִי בְּרִיוּו פוּן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַחַל אוּן אִין דִי בְּרִיוּו פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה. 'אֲשֶׁר בַּנַחַל' אִיז קָאנְצֶענְטְרִירְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה' אִיז אוֹיךְ גֶעשְׁרִיבְּן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט, עֶס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן פַאר בָּחוּרִים נָאךְ מֶער בַּאֲרִיכוּת.

אִיךְ טוּ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט מִיר זָאגְן נָאךְ דִי לֵיל שִׁשִּׁי שִׁיעוּרִים: "נֶעם דֶעם שִׁיעוּר אוּן מַאךְ פוּן דֶעם הוּנְדֶערְט שִׁיעוּרִים; צֶעטֵייל דָאס אוּן בְּרֶענְג עֶס אַרָאפּ פַאר דִי בְּנֵי הַנְעוּרִים, אִין זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶע אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם): "וְגַם אֲפִלּוּ עַכְשָׁו כְּשֶׁלּוֹמְדִין דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים יֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְדַרְכֵי ה' בֶּאֱמֶת, לְמִי שֶׁיָּשִׂים לִבּוֹ הֵיטֵב לִדְבָרָיו וּלְשִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בְּזֶה הַסֵּפֶר, וּבִשְׁאָר סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים", דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַארְמָאגְן אַ מוֹרָא'דִיגְן כֹּחַ צוּ מְעוֹרֵר זַיין אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִין יֶעדֶע שְׁמוּעֶס פוּן רֶבִּי'ן לִיגְן גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַארְ'ן לֶעבְּן. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן שכ): "כָּל מִי שֶׁיְּצַיֵּת אוֹתִי וִיקַיֵּם כָּל מַה שֶּׁאֲנִי מְצַוֶּה, בְּוַדַּאי יִהְיֶה צַדִּיק גָּדוֹל, יִהְיֶה מַה שֶּׁיִּהְיֶה", וֶוער עֶס וֶועט מִיר פָאלְגְן אוּן טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ הֵייס, וֶועט זִיכֶער וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק - זָאל עֶס זַיין וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין אוֹיבּ מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוֹרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן זֶענֶען נִישְׁט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ מִיר אוּן פָאלְגְן מִיךְ

נִישְׁט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקָרְבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר (דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר), דֶעמָאלְט וֶועט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ בַּאטְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס אוּן עֶר וֶועט חֲרָטָה הָאבְּן: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן?! וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט', אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס אִיז נִישְׁט דָא דִי וֶוערְטֶער אַייךְ צוּ קֶענֶען גֶענוּג בַּאדַאנְקֶען אוּן אוֹיסְלוֹיבְּן אוֹיף דִי אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיכֶע שִׁיעוּרִים, עֶס אִיז מוֹרָא'דִיג וִוי אַזוֹי אִיר קֶענְט זִיךְ אַזוֹי גוּט אַרַיינְלֵייגְן אִין יֶעדֶע סָארְט מַצָּב אוּן פַארְשְׁטֵיין וָואס אוּן וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף מְחַזֵּק זַיין.

אִיךְ זֶע אַ מוֹרָא'דִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, אַז יֶעדֶע נַאכְט וֶוען אִיךְ הֶער אוֹיס אַ שִׁיעוּר, דֶעמָאלְט רֶעדְט אִיר פּוּנְקְט דָאס וָואס אִיךְ דַארְף יֶענֶע רֶגַע הֶערְן. אוּן וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת קֶען אִיךְ זִיךְ דָאךְ שְׁוֶוער שֵׁיידְן פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזּוּק, דֶערְפַאר דְרוּק אִיךְ אַרוֹיס פְּרַייטָאג דִי וֶועכֶנְטְלִיכֶע גִּלְיוֹן אוּן אִיךְ גֵיי יֶעדֶע וָואךְ עֶקְסְטֶער אַרוֹיס פוּן הִתְפַּעֲלוּת אַז פּוּנְקְט דָאס וָואס אִיךְ לֵיין יֶענֶעם שַׁבָּת אִינֶעם גִּלְיוֹן, פּוּנְקְט אוֹיף דֶעם נוֹשֵׂא הָאבּ אִיךְ דֶעמָאלְט גֶעדַארְפְט חִיזּוּק. אִיךְ דַאנְק אוּן לוֹיבּ יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ דִי זְכִיָ' צוּ

וויסן פון הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוואָלט פְּרֶעגְן, אַזוֹי ווִי עֶס זַאמְלֶען זִיךְ אָן דִי גִלְיוֹנוֹת, אוֹיבּ דֶער גִלְיוֹן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ מוּז מֶען לֵייגְן אִין שֵׁמוֹת אָדֶער מֶעג מֶען עֶס אַוֶועקְוואַרְפְן?

אַגַב, אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּן חִיזוּק וֶועגְן שִׁידוּכִים? אִיךְ בִּין שׁוֹין בַּאלְד אַ יָאר דֶער לֶעצְטֶער אִין מַיין כִּתָּה וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן טְרָאץ דִי אַלֶע יָארְן פוּן תְּפִילּוֹת וְתַחֲנוּנִים, תְּהִלִּים אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן קַבָּלוֹת פוּן מִשְׁפָּחָה אוּן חֲבֵרִים, הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גוּטֶע נָאמֶען, אָבֶּער מַיין טַאטֶע אִיז גָאר קְלוֹיבֶּערִישׁ אוּן אוֹיבּ מֶען טְרָאגְט שׁוֹין אַמָאל עֶפֶּעס אָן פְּרֶעגְט עֶר זִיךְ מוֹרָא'דִיג גוּט נָאךְ אוּן מַאכְט עֶס גְלַייךְ אַוֶועק. עֶר פְּרוּבִּירְט מִיר צוּ בַּארוּאִיגְן מִיטְ'ן מִיר קוֹיפְן גוּטֶע זַאכְן, אָבֶּער אִיךְ ווִיל אִים זָאגְן אַז אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, עֶר זָאל מִיר נָאר בְּרֶענְגֶען אַ שִׁידוּךְ. אִיךְ וֵויס אַז עֶס הָאט בֶּאֱמֶת גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט קֵיינֶעם, עֶס הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט דֶעם בִּין אִיךְ זִיךְ מְחַזֵּק.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ אוּן אִיךְ בִּין וַוייטֶער מִתְפַּלֵּל אוּן רֶעד זִיךְ כְּסֵדֶר אוֹיס פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מַיינֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער אוּן פְרֵיינְד בַּאוואוּנְדֶערְן ווִי אַזוֹי אִיךְ הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, זֵיי וֵוייסְן אָבֶּער נִישְׁט ווִיפִיל אִיךְ רַאנְגְל זִיךְ מִיט נִסְיוֹנוֹת אוּן אַז אִיךְ בִּין גוּט צֶעבְּרָאכְן פוּן מַיין מַצָּב.

אִיךְ בֶּעט כְּסֵדֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין בְּהַרְחָבַת הַדַּעַת מִיט אַייעֶר חָשׁוּבְ'עֶ עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי - הַחוֹדֶשׁ, מְבָרְכִים נִיסָן, כ"ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דִי גִלְיוֹנוֹת קֶען מֶען אַוֶועק וַוארְפְן; לֵייג עֶס נָאר אַוֶועק בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד. נֶעם עֶס צוּזַאמֶען, לֵייג עֶס אִין אַ זֶעקְל אוּן אַזוֹי קֶען מֶען דָאס אַוֶועק וַוארְפְן.**

די זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט אַלֶע סָארְט גִּלְיוֹנוֹת.

בְּנוֹגֵעַ שִׁידוּכִים; דָאס דַארְף מֶען לָאזְן וויסְן פַּאר אַלֶע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, שִׁידוּכִים הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס הָאט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם אַנְדֶערְשׁ, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס מַאכְט שִׁידוּכִים. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): "מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִווּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", מִיר גֶעפוּנֶען אִין דִי תּוֹרָה אוּן נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ): "וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל, וַיֹּאמְרוּ, מֵה' יָצָא הַדָּבָר", אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה' הִיא", אוּן אִין כְּתוּבִים שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, יד): "בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת"; זֶעעֶן מִיר אִיבֶּערָאל אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט שִׁידוּכִים.

מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן וֶוען מֶען בֶּעט אוּן מֶען בֶּעט אוֹיף אַ שִׁידוּךְ אוּן מֶען זֶעט נָאכְנִישְׁט דִי יְשׁוּעָה; מֶען דַארְף אוֹיסְוַוארְטְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת רַחְמָנוּת, סִימָן יא): "עַל יְדֵי בַּקָּשַׁת רַחֲמִים, זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת שִׁידוּכִים טוֹבִים וְהַגּוּנִים", דוּרְךְ תְּפִלָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טוּן גוּטֶע שִׁידוּכִים; נָאר תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**זֶע צוּ שְׁמוּעֶסְן פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"ה אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, בְּרֶענְג אַרַיין אַ חַיּוּת אִין דִי אִינְגֶעלַייט; זֶע אַז דֶער רֶבִּי זָאל זַיין צְווִישְׁן אַייךְ, מוֹהֲרָא"שׁ זָאל זַיין צְווִישְׁן אַייךְ.

זֶע צוּ שְׁמוּעֶסְן פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן; וַוייל דֶער רֶבִּי גֶעפוּנְט זִיךְ נָאר דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט זַיינֶע וֶוערְטֶער. אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן רֶבִּי'ן אִיז גָארְנִישְׁט דָא; עֶס מֶעג זַיין גְרוֹיסֶע וֶוערְטֶער: "בֵּית הַמֶּדְרָשׁ בְּרֶסְלֶב", אָבֶּער דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט דָארְט.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זֶע מֶען זָאל רֶעדְן שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן, חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן; זֶע צוּ טַאנְצְן כַּמָּה פְּעָמִים: "אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ, וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ".

אִיךְ גֵיי הַיינְט מַאכְן אַ בְּרִית, אִיךְ וַוארְט מַיין טַאטֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רַב שְׁלִיטָ"א - זָאל צוּרִיק קוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זִיךְ בַּאטֵיילִיגְן בַּיים בְּרִית.

אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פַאר דִיר בַּיים בְּרִית, דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין.

...

## מְסַדֵּר זַיין "אֲשֶׁר בַּנַחַל" אוֹיף אַ שֵׁיינֶעם פַּארְנֶעם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"ה אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט מְסַדֵּר וַוייטֶער דִי הֵיילִיגֶע בְּרִיוו פוּן "אֲשֶׁר בַּנַחַל", דוּ עֶנְדִיגְסְט יֶעצְט חֵלֶק ג'.

דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין הַשָּׂגָה וָואס דִי בְּרִיוו טוּט; וְויפִיל הוּנְדֶערְטֶער אִידְן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דִי בְּרִיוו, דִי בְּרִיוו בְּלָאזְט אַרַיין אַ חִיוּת, אַ נְשָׁמָה - אִין מֶענְטְשְׁן, עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אֱמוּנָה אִין דִי וֶועלְט.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, לֵייג אַלֶעס אִין דֶער זַייט בִּיז דוּ עֶנְדִיגְסְט אַרוֹיסְגֶעבְּן דִי אִידִישֶׁע בְּרִיוו שֵׁיין אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אָן קֵיין טָעוּתִים. טוּ עֶס אָן מִיט אַ שֵׁיינֶע מַפְתֵּחַ, אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ יְשׁוּעוֹת, רְפוּאוֹת, פַּרְנָסָה אוּן אַלֶע בְּרָכוֹת.

...

## גֵיין נָאר צוּ אַן עֶרְלִיכֶע קִיאָסְק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"ה אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן, זִי פְרֶעגְט אוֹיבּ זִי זָאל עֶנְדֶערְשׁ אַיינְקוֹיפְן אִין אִידִישֶׁע גֶעשֶׁעפְטְן, אָדֶער קֶען זִי אַיינְקוֹיפְן אִין קִיאָסְק פַאר בִּילִיגֶער, אָבֶער מֶען קֶען זֶען גֶעווִיסֶע בִּילְדֶער פוּן גוֹיִם.

זָאג דַיין וַוייבּ אַז זִי קֶען אַיינְקוֹיפְן אִין קִיאָסְק, מִיט דֶעם שְׁטִיצְט זִי דִיר דוּ זָאלְסְט קֶענֶען בְּלַייבְּן אִין כּוֹלֵל לֶערְנֶען; דִי בִּילְדֶער אִיז דָא אִין דִי גֶעשֶׁעפְטְן אוֹיךְ.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ, זִי זָאל גֵיין נָאר צוּ אַן עֶרְלִיכֶע קִיאָסְק; בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִין שְׁטֶעטְל הָאבְּן מִיר אַן עֶרְלִיכֶע קִיאָסְק. אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דִי הַנְהָלָה אַז אִיךְ

ווִיל אַ קִיאָסְק אִין שְׁטֶעטְל; פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאכְן אִין שְׁטֶעטְל הָאבּ אִיךְ דָאס גֶעפְּעֶנְט, אַז דִי מִשְׁפָּחוֹת זָאלְן נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין אִינְטֶערְנֶעט, אַז מֶען ווִיל עֶפֶּעס קוֹיפְן זָאל מֶען הָאבְּן וואו צוּ קוֹיפְן.

זָאלְסְטוּ מְחַזֵּק זַיין דַיין ווַייבּ זִי זָאל נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם כְּלִי וָואס מֶען קֶען דָאס מְחַבֵּר זַיין מִיט אִינְטֶערְנֶעט אוּן וָואס זִי דַארְף אַיינְקוֹיפְן זָאל זִי גֵיין מִיט דִיר צוּם קִיאָסְק אַיינְקוֹיפְן פַאר בִּילִיג, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת.

...

### דַיין זְכוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס מִיטְ'ן הֶעלְפְן דְרוּקְן "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ד'"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְקוּדֵי, כ"ו אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין זְכוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אַז דוּ הֶעלְפְסְט דְרוּקְן דֶעם פֶערְטְן חֵלֶק, "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ד'".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע אוּן הָאבְּן דִי זְכִיָּ' ווַייטֶער צוּ הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְחַיֶּ' דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### נוּץ אוֹיס דֶעם גְרוֹיסְן טָאג, דַיין יוֹם הַחוּפָּה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְקוּדֵי, כ"ו אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער חָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָּל טוֹב פַאר דַיין חֲתוּנָה! הַיינְט אִיז דַיין גְרוֹיסֶער טָאג וָואס דוּ גֵייסְט

אוֹיפְשְׁטֶעלְן דַיין שְׁטוּב, נָאךְ אַפָּאר שָׁעָה גֵייסְטוּ צוּ דִי חוּפָּה. הַיינְט אִיז בַּיי דִיר אַזוֹי וִוי "יוֹם כִּפּוּרִים", מֶען אִיז דִיר מוֹחֵל אַלֶע דַיינֶע עֲבֵירוֹת.

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נוּץ אוֹיס דֶעם גְרוֹיסְן טָאג; זָאג תְּהִלִּים וְויפִיל דוּ קֶענְסְט, פְּרוּבִיר צוּ עֶנְדִיגְן תְּהִלִּים און אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט עֶנְדִיגְן גַאנְץ תְּהִלִּים - זָאג וויפִיל דוּ קֶענְסְט. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן אַז דַיין גַאנְץ לֶעבְּן זָאל זַיין מִיטְ'ן בַּאשֶׁעפֶער.

זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ דִי חֲתוּנָה; מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען אָפְּרוּעֶן פוּן הָאבְּן דָאס קִינְד, אִיךְ בִּין אִין שְׁטוּבּ מִיט אַלֶע קִינְדֶער. אוֹיךְ אִיז מַיין טֵייעֶרֶער זֵיידֶע זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב - יֶעצְט נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ אִיךְ זָאל פַארְן קַיין פְלַארִידֶע צוּ דִי חֲתוּנָה.

אִיךְ וואוּנְטְשׁ דִיר אַלֶע בְּרָכוֹת; אִיךְ וואוּנְטְשׁ דִיר פוּן מַיין הַארְץ דוּ זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה זָאל רוּעֶן צְוִוישְׁן אַייךְ.

...

## אוֹיבּ מֶען וִויל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, דַארְף מֶען זַיין אָפְּן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"ו אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיבּ מֶען וִויל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת - דַארְף מֶען זַיין אָפְּן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן. דִי וֶועג וָואס אִיר גֵייט אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע וֶועג, דָאס קֶען בְּרֶענְגֶען עֶס זָאל וֶוערְן אוֹיס שְׁטוּבּ. מֶען מוּז רֶעדְן, מֶען מוּז זָאגְן וָואס שְׁטֶערְט, מֶען מוּז אַרוֹיסְגֶעבְּן גֶעפִילְן; אוֹיבּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט - קֶען וֶוערְן אַ גֶט הַשֵּׁם

יִשְׁמְרֵינוּ.

עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט פוּן אַייעֶר זַייט אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט אָפְן מִיט אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר; אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט אַ נִישְׁט גוּטֶע גֶערוּךְ דַארְף מֶען יֶענֶעם אוֹיפְמֶערְקְזַאם מַאכְן, מֶען זָאגְט דָאס שֵׁיינֶערְהֵייט. צוּם בֵּיישְׁפִּיל: "אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ פוּצְן דִי צֵיינֶער?" "אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ שְׁוֶוענְקֶען דִי מוֹיל מִיט מִינְט עֶס זָאל זַיין אַיינְגֶענֶעם?" אוֹיבּ אִיז אֵיינֶער בְּטֶבַע אַ שְׁוִויצֶעדִיגֶער אוּן עֶר כַאפְּט זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט, דַארְף מֶען יֶענֶעם זָאגְן שֵׁיינֶערְהֵייט אוֹיף אַן אֵיידֶעלֶע וֶועג; אוֹיבּ שֶׁעמְט מֶען זִיךְ אוּן מֶען ווִיל נִישְׁט זָאגְן, אָדֶער מֶען מֵיינְט אַז מֶען וֶועט יֶענֶעם וֵויי טוּן וֶוען מֶען זָאגְט, זָאל מֶען ווִיסְן אַז מִיט דִי צַייט קֶען עֶס וֶוערְן עֶרְגֶער אוּן עֶרְגֶער בִּיז עֶס קֶען וֶוערְן אוֹיס שְׁטוּבּ; זִיכֶער אִין דִי צַייטְן וָואס מֶען וֶוערְט פַארְאִיבְּלְט פוּן עֶסְן, פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן אַזוֹי וַוייטֶער וְכוּ' וְכוּ' - אִיז מֶען מְחוּיָב דָאס צוּ זָאגְן פַארְ'ן מַאן, אַז נִישְׁט קֶען וֶוערְן אוֹיס שְׁטוּבּ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיבּ דֶער מַאן אָדֶער דִי וַוייבּ רֶעדְן נִישְׁט שֵׁיין, אֵיינֶער אִיז מֶער הַייקֶל פוּנֶעם צְוֵוייטְן, מֶער אֵיידֶל אוּן קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דִי וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט, אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג מֶען זָאל דָאס זָאגְן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מֶען זָאגְט: "מַיין טֵייעֶרֶע לֶעבְּן, עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר וֶוען דוּ רֶעדְסְט צוּ מִיר אַזוֹי אוּן אַזוֹי; אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ, אִיךְ וֶוער אָבֶּער וֵויי גֶעטוּן וֶוען דוּ זָאגְסְט מִיר דִי וֶוערְטֶל"; "מַיין טֵייעֶרֶע לֶעבְּן, אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אַז אִיךְ וֶוער וֵויי גֶעטוּן, וַוייל דוּ הָאסְט מִיר אוֹיךְ זֵייעֶר לִיבּ, דֶערִיבֶּער דֶערְצֵייל אִיךְ דִיר דָאס, אַז דוּ זָאלְסְט מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן".

אוֹיבּ אִיז אַייךְ שְׁוֶוער אִים צוּ זָאגְן אַז יֶעצְט אִין דִי צַייט וְכוּ' - וֶוערְט אִיר פַארְאִיבְּלְט, זָאלְט אִיר נֶעמֶען דֶעם סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן לֶערְנֶען דִי בְּרִיוּו אִינְאֵיינֶעם, בִּיז אִיר וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם בְּרִיוּו אוּן אִינְאֵיינֶעם לֶערְנֶען דִי בְּרִיוּו, וֶועט אִיר זֶען אַז אַייעֶר שָׁלוֹם בַּיִת וֶועט וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער, עֶר וֶועט אַייךְ פְּלוּצְלוּנְג אָנְהֵייבְּן זָאגְן וָואס שְׁטֶערְט אִים אוּן אִיר וֶועט אִים שֵׁיינֶערְהֵייט זָאגְן וָואס עֶס שְׁטֶערְט אַייךְ אוּן עֶס וֶועט זַיין שָׁלוֹם עַל יִשְׂרָאֵל, בֵּיידֶע פוּן אַייךְ וֶועלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְנְ'ס כָּבוֹד, אִיר וֶועט הָאבְּן

אַ שְׁטַארְקֶע אֱמֶתְ׳עֶ שָׁלוֹם.

בִּפְרַט וֶוען מֶען וַוארְט לְמַזָּל טוֹב אִיז דֶער לֶעבְּן גָּאר אַנְדֶערְשׁ. מֶענֶער וֵוייסְן נִישְׁט ווִי עֶס גֵייט אִין דִי חֲדָשִׁים אוּן אֲפִילוּ דִי וָואס מֶען הָאט זֵיי יָא גֶעזָאגְט אוּן גֶעלֶערְנְט - פַארְגֶעסְן דָאס; זֵיי לֶעבְּן נִישְׁט מִיט דֶעם, עֶס אִיז זֵיי שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין וְכוּ׳. דַארְף מֶען זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן אִינְאֵיינֶעם, זֵיי זָאלְן פַארְשְׁטֵיין אַז מֶען קֶען נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

שְׁטַארְקְט אַייךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן בְּנָקֵל וּבְנַחַת אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

נָאכְאַמָאל, אִיר דַארְפְט טוֹישְׁן אַייעֶר וֶועג אִין לֶעבְּן, אִיר דַארְפְט זַיין אָפְן מִיט אַייעֶר מַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן מִצְרַיִם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״ו אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, תּוֹשְׁבֵי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

אִיךְ בֶּעט עֶנְק טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין אַזַא הֵיילִיגֶע צַייט, שַׁבַּת הַחוֹדֶשׁ שַׁבָּת מְבָרְכִים נִיסָן, עֶרֶב דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס גֶעבּוּרְטְסְטָאג; דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, אִינֶעם טָאג וָואס מֶען הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם מִשְׁכָּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מֶדְרָשׁ סֵדֶר עוֹלָם, פֶּרֶק ז): ״רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן נָטַל עֶשֶׂר עֲטָרוֹת״; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מַתָּנָה פוּן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן; אִיז יֶעצְט אַ צַייט וָואס מֶען דַארְף זִיךְ פוּן פְרִישׁ בַּאנַייעֶן, פוּן פְרִישׁ זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טַייעֶרֶע בְּרִידֶער, טַייעֶרֶע חֲבֵרִים; לָאמִיר אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת

פוּן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה; וֶוען עֶס וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען שִׁכְחָה וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וָואלְט נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען אִיז דוּרְךְ, דָאס וָואלְט גֶעמַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט וֶועלְן נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׁכְחָה, קֶען מֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי"; דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אַ וִויכְטִיגֶער יְסוֹד, מֶען זָאל אַלְץ אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי, נִישְׁט זִיךְ קְלַאפְּן מִיטְ'ן עָבַר נָאר גֵיין וַוייטֶער.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ מַיינֶע בְּרִידֶער, מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; אַז מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן דַארְפְן מִיר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן. מִיר דַארְפְן זִיךְ בַּאנֵייעֶן, מִיר דַארְפְן אָנְהֵייבְּן נוּצְן דִי עֵצוֹת. דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; גֵיין אִין אַ וִוינְקֶל, אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיר וואוֹינְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיר זֶענְט אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַזוֹינֶע הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, וואוּ מֶען גֵייט אוּן וואוּ מֶען שְׁטֵייט לִיגְן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס אוֹיף זֵיי שְׁטֵייט דִי וֶועלְט; כַאפְּט אַ שְׁפַּאצִיר, גֵייט צוּ אַ צִיּוּן פוּן אַ צַדִּיק אִינְמִיטְן טָאג, בַּיינַאכְט אָדֶער פַארְטָאגְס אוּן זַייט אַייךְ מִתְבּוֹדֵד דָארְט.

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט נָאנְט צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, מִיר דַארְפְן שׁוֹין אָנְהֵייבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן מִצְרַיִם, אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע טֻמְאוֹת אוּן אָנְקוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָּׁה פוּן יוֹם טוֹב פֶּסַח. פֶּסַח אִיז דִי אוֹתִיּוֹת פֶּה-סָח (פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר חַג הַמַּצּוֹת, פֶּרֶק ז; וְעוֹד); מֶען הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הֵייבְּט אָן זֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. אַזוֹי גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן פַּרְעֹה; פַּרְעֹה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת פֶּה-רַע (סֵפֶר הַלִּקּוּטִים פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל "וַיִּגְדַּל הַיֶּלֶד"), אַ שְׁלֶעכְט מוֹיל, אַ מוֹיל וָואס שֶׁעלְט, אַ מוֹיל וָואס טְשֶׁעפֶּעט, אַ מוֹיל וָואס רֶעדְט זִיךְ אָפּ, אַ מוֹיל וָואס בַּארֶעדְט אַנְדֶערֶע אוּן טוּט וֵויי אַנְדֶערֶע; דוּרְךְ פֶּסַח, פֶּה-סָח - גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן דִי קְלִיפּוֹת.

רֶעדְט נָאר פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים. וֶוען אִיר קוּמְט זִיךְ צַאם זָאלְן זַיין דִי דִיבּוּרִים נָאר פוּן רֶבִּי'ן, זַייט מְקַבֵּל אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן רֶבִּי'ן, שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן. דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן - דָארְט אִיז דֶער רֶבִּי, דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן רֶבִּי'ן, עֶס מֶעג זַיין אַ גְרוֹיסֶע טָאוְול: "בֵּית הַמִּדְרָשׁ בְּרֶסְלֶב", אָבֶער אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן רֶבִּי'ן - אִיז דֶער רֶבִּי נִישְׁט דָארְט.

זָאלְט אִיר נָאר רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן; דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן רֶבִּי'ן, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וּבְעִקָּר מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הַפָּצָה. וֶוער עֶס גֵייט הֲפָצָה אִיז מְחוּיָּב צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ יֶעדֶע פְּרַט פוּן הֲפָצָה, דָאס גֶעבְּט חֵשֶׁק פַאר אַנְדֶערֶע זָאלְן אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן גֵיין הֲפָצָה. וֶוען מֶען הֶערְט וִוי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ', מֶענְטְשְׁן דֶערְצֵיילְן וִוי זֵייעֶר לֶעבְּן הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייְדְט, עֶס אִיז זֵיי זִיס גֶעוָוארְן - דָאס מַאכְט מֶען זָאל בְּלַייבְּן פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים, נִישְׁט אַלְט גֶעוֶועצְן. קוּקְט גוּט וֶועט אִיר זֶען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, דִי מֵפִיצִים זֶענֶען אַלְץ פְרִישׁ, וַוייל זֵיי זֶעעֶן יֶעדֶע רֶגַע וִוי דֶער רֶבִּי אִיז מְחַיֶּ' מֵתִים.

דִי וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ גֶעמִישְׁטֶע וָואךְ, פוּן אֵיין זַייט בִּין אִיךְ אַ בַּעַל שִׂמְחָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע אִינְגְל לְמַזָּל טוֹב; פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבּ אִיךְ פַארְלוֹירְן מַיין גְרוֹיסֶער זֵיידֶע זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי זְכִיָּ' אִים מְשַׁמֵּשׁ זַיין לַאנְגֶע יָארְן; מַיין זֵיידֶע הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע הַרְגָּשָׁה אִין הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט מִיר גֶענוּמֶען אַלְס בָּחוּר מִיט זִיךְ קַיין אוּמַאן. מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן אִין גַאנְץ אוּקְרֵיינֶע, רָאמֶענְיֶע, אוּנְגַארְן אוּן פּוֹלִין - בַּיי זֵייעֶר אַסַאךְ מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים, אוּן וֶוען מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין אוּמַאן הָאט מַיין זֵיידֶע גֶעמַאכְט דָארְט אַ סְטַאנְצְיֶע, מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה, גֶעדַאוֶונְט שַׁחֲרִית אוּן נָאכְדֶעם גֶעזָאגְט אִינְאֵיינֶעם דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים. עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַ פֵייעֶרְדִיגֶע דְּרָשָׁה בַּיים צִיּוּן פוּן רֶבִּי'ן, פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט בַּיים צִיּוּן אוּן נָאכְגֶעזָאגְט וָואס דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמַאר בְּרֶענְגְט אִין הֵיילִיגְן סֵפֶר וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה (מַאֲמָר יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סִימָן קנ) אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוְוירְקְט

בְּרוּחַ הַקוֹדֶשׁ וָואס וֶועט זַיין בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, עֶר שְׁרַייבְּט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "וְזֶה עִנְיָן שֶׁל רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, שֶׁרָאָה מַה הִגִּיעַ אֵלֵינוּ בְּעִיקְבָא דִּמְשִׁיחָא".

אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶעהַאלְטְן וִוי עֶר פְלֶעגְט גֶעבְּן גֶעלְט פַּאר בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים זֵיי זָאלְן קֶענֶען פָאְרן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן מִיט גֶעשִׁיקְט אַ קְוִויטְל "יְחֶזְקֵאל בֶּן יְהוּדִית"; עֶר הָאט זֵייעֶר חָשׁוּב גֶעהַאלְטְן בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים.

מַיין זֵיידֶע פְלֶעגְט מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ מְחַזֵּק זַיין אִין מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן אִיךְ זָאל זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר צוּ גוֹרֵס זַיין מִשְׁנַיוֹת; עֶר הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אַלְס חָתָן נָאכְאַמָאל אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. עֶר פְלֶעגְט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אִיז גֶעוֶוען נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִן הַשָּׁמַיִם אִיז גֶעוֶוען אַז אִיךְ זָאל מַאכְן דִי וַואכְטְנַאכְט מָאנְטָאג נַאכְט אוּן דִינְסְטָאג דֶעם בְּרִית אוֹיף מַיין זוּן יְחֶזְקֵאל נֵרוֹ יָאִיר, דָאס הָאט אָפְּגֶעהַאלְטְן אִיךְ זָאל נִישְׁט מִיטְגֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; אִיךְ הָאף אוּן אִיךְ בֶּעט צוּ קֶענֶען קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זַיין מִיט עֶנְק אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## תְּהִלִּים אִיז גֶעמִישְׁט פוּן צְוֵויי זַאכְן, פוּן לוֹיבְּן אוּן בֶּעטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס גוּטְס וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ; אִיר הָאט אַזוֹי גוּט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט עֶנְק.

אִיךְ הָאף אַז אִיר זֶענְט נָאךְ שְׁטַארְק מִיט זָאגְן תְּהִלִּים אַזוֹי וִוי אִיר פְלֶעגְט זַיין אַלְס מֵיידְל. זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים; תְּהִלִּים אִיז גֶעמִישְׁט פוּן צְוֵויי זַאכְן, לוֹיבְּן אוּן בֶּעטְן; אֵיין פָּסוּק אִיז דַאנְק אוּן לוֹיב וֶוערְטֶער אוּן אִינֶעם צְוֵוייטְן

פָּסוּק בֶּעט מֶען אוֹיף וַוייטֶער.

אִיךְ וִויל אַייךְ בֶּעטְן נִישְׁט צוּ רֶעדְן מִיט מֵיידְלֶעךְ פוּן זַאכְן וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה. אֲפִילוּ מִיט חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע וַוייבְּלֶעךְ רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן דִי זַאכְן; נִישְׁט פוּן דִי הֲלָכוֹת אוּן אוֹיךְ נִישְׁט וְכוּ'. אִיךְ לֵייג אַרַיין מַיין לַייב אוּן לֶעבְן אַז אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידוֹת זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן הֵיילִיג אוּן רֵיין, בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם.

אַייעֶר צְנִיעוּת אִיז אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם; אַלֶע זֶעעֶן וִוי שֵׁיין עֶס אִיז צוּ זַיין אַ אִיד, אַלֶע זֶעעֶן וִוי שֵׁיין אִידִישְׁקֵייט אִיז. מֶען זֶעט אִין אַייךְ אַז מֶען קֶען זַיין סַיי עֶרְלִיךְ אוּן סַיי אָנְגֶעטוּן לוֹיט דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג.

וִוי מֶער אִיר וֶועט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלְץ מֶער נִיסִים וֶועט אִיר זֶען.

...

מִיטְהַאלְטְן דֶעם שִׁיעוּר כְּלָלִי אִין הִלְכוֹת פֶּסַח פוּנֶעם דַיָּין שְׁלִיטָ"א

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

זַיי מוֹדִיעַ פַאר אַלֶע אִינְגֶעלַייט אַז עֶס וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר כְּלָלִי פוּנֶעם דַיָּין שְׁלִיטָ"א אִין הִלְכוֹת פֶּסַח זוּנְטָאג נַאכְט אוּם אַכְט אַזֵייגֶער אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין שְׁטֶעטְל, אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר; מֶען זָאל דָאס נֶעמֶען זֵייעֶר עֶרְנְסְט כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

אוֹיךְ וֶועט דֶער דַיָּין אַרוֹיסְקוּמֶען נֶענְטֶער צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, מֶען וֶועט קֶענֶען פַארְקוֹיפְן דִי חָמֵץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז אַ קִינְד חוּצְפָּה'ט זִיךְ דַארְף מֶען דָאס אָפְּשְׁטֶעלְן מִיט אַלֶע וֶועגְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**סֶעקְרִיטֶערִי בֵּית פֵּיגָא**

וואוּיל אִיז פַאר דִי וָואס הֶעלְפְן דִי הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַרְבֶּעטְן אִין אַ מוֹסָד וָואס לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער תּוֹרָה, מִצְוֹת אוּן אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הָאט נִישְׁט מוֹרָא צוּ רוּפְן דִי עֶלְטֶערְן וֶוען דִי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ אוֹיף מִיט חוּצְפָּה; מִיר מוּזְן הָאבְּן דִי הִילְף פוּן דִי עֶלְטֶערְן. אַז אַ קִינְד חוּצְפָּה'ט זִיךְ דַארְף מֶען דָאס אָפְּשְׁטֶעלְן מִיט אַלֶע וֶועגְן, חוּצְפָּה אִיז אַ זַאךְ וָואס קֶען נִישְׁט פַארְקוּקְט וֶוערְן.

בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶרֶךְ אֶרֶץ נוּמֶער אֵיינְס; מִיר דַארְפְן זֵייעֶר שְׁטַארְק שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַייעֶר אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיז דָאס מַיין שִׁידוּךְ? וֶועט זִיךְ דָאס אוֹיסְאַרְבֶּעטְן?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

דִי כַּלָה ... תִּחְיֶ' הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַז זִי הָאט פֵייגְלֶעךְ אִין קָאפּ וֶועגְן אִיר חָתָן; זִי וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבּ זִי הָאט חֵשֶׁק צוּ אִים וְכוּ' וְכוּ'.

וִויל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן אוֹיבּ אִיר קֶענְט אִיר מְחַזֵק זַיין, אִיר אוֹיסְגְרָאדְן אִיר

מֹחַ און מְסַדֵּר זַיין אַלֶע בִּלְבּוּלִים.

דָאס אִיז דִי וֶועג פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, עֶר וִויל נָאר אַרָאפְּוַואַרְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִים צֶעמִישְׁן. פַאר מֶען טְרֶעפְט דִי שִׁידוּךְ בְּרֶענְגְט עֶר אַרַיין סְפֵיקוֹת און בִּלְבּוּלִים אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַז אֶפְשָׁר וֶועט מֶען נִישְׁט טְרֶעפְן קַיין שִׁידוּךְ, אֵיין מָאל מֶען טְרֶעפְט דִי שִׁידוּךְ וָואלְט מֶען דָאךְ שׁוֹין גֶעדַארְפְט זַיין פְרֵיילִיךְ, הֵייבְט זִיךְ אָן אַ נַייעֶ קָאפּ דְרֵייעֶנִישׁ: 'אִיז דָאס מַיין שִׁידוּךְ? וֶועט זִיךְ דָאס אוֹיסְאַרְבֶּעטְן?' נָאכְדֶעם, וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה - וֶוערְט מֶען נָאכְאַלְץ נִישְׁט פָּטוּר פוּן אִים, עֶר קוּמְט אַרַיין פוּן מָאל צוּ מָאל אִין קָאפּ מִיט אַ מַחֲשָׁבָה 'אִיז דָאס מַיין שִׁידוּךְ? פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט טוּן דֶעם שִׁידוּךְ?' אַזוֹי צֶעשָׁאקֶלְט עֶר דֶעם מֶענְטְשׁ, נָאכְדֶעם וַוארְפְט עֶר אִים אַרַיין אִין אַן עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה, נָאכְדֶעם הָאט עֶר דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיי זִיךְ.

זַייט אִיר מְחַזֵק זִי זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי עֶס גֵייט דֶער לֶעבְּן. זִי זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זִי הָאט בַּאקוּמֶען אַ בָּחוּר אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אַ בָּחוּר אַ לֵב טוֹב; וָואס נָאךְ דַארְף זִי? וָואס פֶעלְט אִיר?

אַנְטְשׁוּלְדִיגְט פַארְ'ן אַייךְ גֶעבְּן אַרְבֶּעט; ווארוּם אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס דָאס אִיז זַיין אַרְבֶּעט, מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי לִיבּ וֶוען זַיינֶע קִינְדֶער הֶעלְפְן זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵויטְן, אַזוֹי וִוי אַ טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן נָאר לִיבּ צוּ זֶען וִוי זֵייעֶרֶע קִינְדֶער קוּמֶען זִיךְ אוֹיס צְווִישְׁן זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הֲלָכוֹת פוּן שַׁבָּת עֶרֶב פֶּסַח

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאֵי קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דִי הֲלָכוֹת וָואס אִיז דִי יָאר אַנְדֶערְשׁ; דוּ בִּיסְט דָאךְ גַּבָּאֵי, זָאלְסְטוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ.

שַׁבָּת הַגָּדוֹל דִי יָאר גֶעפַאלְט עֶרֶב פֶּסַח פַּרְשַׁת צַו; דִי יָאר אִיז אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, דִי יוֹצְרוֹת לְשַׁבָּת הַגָּדוֹל זָאגְט מֶען אַ וָואךְ פְרִיעֶר כְּדֵי מֶען זָאל וויסְן דִי הֲלָכוֹת, אָבֶער מֶען זָאגְט דָאס אַנְדֶערְשׁ ווי אַלֶע יָארְן, מֶען זָאגְט דִי יוֹצְרוֹת נָאךְ שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, נָאךְ קַדִּישׁ תִּתְקַבֵּל.

אַזוֹי אוֹיךְ דִי דְרָשַׁת שַׁבָּת הַגָּדוֹל זָאגְט מֶען פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, דִי וָואךְ פַאר עֶרֶב פֶּסַח; וַוייל מֶען דַארְף דָאךְ וויסְן ווי אַזוֹי אַריין צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּסַח, ווי אַזוֹי מֶען כַּשֶׁר'ט אוּן ווי אַזוֹי מֶען אִיז בּוֹדֵק חָמֵץ.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת זָאגְט מֶען "וִיהִי נוֹעַם" אוּן "וְאַתָּה קָדוֹשׁ" אַזוֹי ווי אַלֶע יָארְן, וויבַּאלְד עֶס אִיז נָאךְ דָא אַ גַאנְצֶע וָואכֶעדִיגֶע וָואךְ, עֶרֶב שַׁבָּת אִיז דָאךְ נִישְׁט קַיין יוֹם טוֹב וַוייל שַׁבָּת אִיז עֶרֶב פֶּסַח. מֶען מַאכְט קִידוּשׁ לְבָנָה, אוֹיךְ עֶסְט מֶען מְלַוֶּה מַלְכָּה אַזוֹי ווי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶע מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

תַּעֲנִית בְּכוֹרִים מַאכְט מֶען דִי יָאר דָאנֶערְשְׁטָאג; אַלֶע בְּכוֹרִים אָדֶער דִי וָואס הָאבְּן קִינְדֶער בְּכוֹרִים מַאכְן דֶעם סִיּוּם שׁוֹין דָאנֶערְשְׁטָאג, וַוייל עֶרֶב שַׁבָּת פַאסְט מֶען נִישְׁט.

בְּדִיקַת חָמֵץ מַאכְט מֶען לֵיל שִׁישִׁי - דָאנֶערְשְׁטָאג בַּיינַאכְט; מֶען אִיז בּוֹדֵק חָמֵץ אַזוֹי ווי אַלֶע יָארְן, מֶען מַאכְט דִי בְּרָכָה אוּן נָאכְן עֶנְדִיגְן בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין, זָאגְט מֶען כָּל חֲמִירָא וְכוּ'. פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי פִירְט מֶען זִיךְ אַזוֹי ווי אַלֶע יָארְן עֶרֶב פֶּסַח, מֶען פַארְבְּרֶענְט דִי חָמֵץ, מֶען לָאזְט נִישְׁט אִיבֶּער קַיין חָמֵץ; נָאר לֶחֶם מִשְׁנֶה פַאר דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן דָאס צוּ לֵייגְן אִין אַן אָפְּגֶעהִיטֶענֶע פְּלַאץ.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי דַאוֶונְט מֶען וָתִיקִין - זֶעקְס דְרַייסִיג, וַוייל מֶען דַארְף נָאךְ קֶענֶען אַהֵיימְגֵיין מַאכְן דִי סְעוּדָה; עֶסְן דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה, דִי חָמֵץ, פַאר סוֹף זְמַן אֲכִילַת חָמֵץ, וָואס גֶעפַאלְט דִי יָאר צֶען דְרַייסִיג. מֶען דַאוֶוענְט נִישְׁט לַאנְג, מֶען לֵיינְט נִישְׁט לַאנְג; דִי הַפְטָרָה זָאגְט מֶען "וְעָרְבָה".

עֶס זֶענֶען דָא וָואס פִירְן זִיךְ אוֹיךְ דִי יָאר וֶוען עֶרֶב פֶּסַח גֶעפַאלְט אִין שַׁבָּת - צוּ עֶסְן שַׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, זֵיי צֶעטֵיילְן דִי סְעוּדָה אִינְדֶערְפְרִי. הֲגַם דֶער מְחַבֵּר פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תמד, סְעִיף א) אַז מֶען אִיז נִישְׁט יוֹצֵא דִי דְרִיטֶע

סְעוּדָה נָאר נָאךְ מִנְחָה גְּדוֹלָה, אִין אַ יָאר וָואס עֶרֶב פֶּסַח גֶעפַאלְט אוּם שַׁבָּת קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט עֶסְן נָאכְמִיטָאג קַיין חָמֵץ, זָאגְט דֶער רְמָ"א מֶען זָאל עֶסְן פֵּירוֹת, דָאךְ זֶענֶען דָא שִׁיטוֹת וָואס זָאגְן אַז מֶען קֶען יָא יוֹצֵא זַיין דִי דְרִיטֶע סְעוּדָה אִינְדֶערְפְרִי, אַזוֹי פַּסְקֶ'נְט דֶער מָגֵן אַבְרָהָם (שָׁם, סְעִיף קָטָן א).

אַנְדֶערֶע פִירְן זִיךְ אַז מֶען צֶעטֵיילְט נִישְׁט דִי סְעוּדָה; מוֹהֲרָא"ש הָאט זִיךְ גֶעפִירְט צוּ עֶסְן דִי דְרִיטֶע סְעוּדָה מִיט פֵּירוֹת אוּן קוּגְל. מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט: "וְזוֹ הַשַּׁבָּת הַיְחִידָה שֶׁאֵין אוֹכְלִין סְעוּדָה שְׁלִישִׁית", דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע מָאל וָואס מֶען עֶסְט נִישְׁט קַיין דְרִיטֶע סְעוּדָה שַׁבָּת, "אֶלָּא פֵּירוֹת אוֹ פַּשְׁטִידָא מִתַּפּוּחֵי אֲדָמָה", נָאר מֶען עֶסְט פְרוּכְט אוּן קַארְטָאפְל קוּגְל, "וְהוּא עַל פִּי זוֹהַר שֶׁאָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי שֶׁמִּיָּמָיו לֹא בִּטֵּל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית", דָאס אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער וָואס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פַּרְשַׁת אֱמוֹר, צה.), אַז רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי הָאט זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן גֶעגֶעסְן יֶעדֶע וָואךְ דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת, "אֶלָּא בְּעֶרֶב פֶּסַח שֶׁחָל לִהְיוֹת בְּשַׁבָּת", אוֹיסֶער וֶוען עֶס אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן עֶרֶב פֶּסַח אוּם שַׁבָּת, "שֶׁאָז לֹא נוֹטְלִים לֶחֶם מִשְׁנֶה כִּי אָסוּר לֶאֱכֹל חָמֵץ כְּבָר, שֶׁהוּא אַחַר הַזְּמַן וְאָסוּר לֶאֱכֹל מַצָּה קוֹדֶם לֵיל פֶּסַח", וָואס דֶעמָאלְט טָאר מֶען נִישְׁט עֶסְן קַיין סְעוּדָה מִיט לֶחֶם מִשְׁנֶה; חָמֵץ טָאר מֶען נִישְׁט עֶסְן וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין נָאכְן זְמַן אוּן מַצָּה טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט עֶסְן דֶעמָאלְט.

שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג דַאוֶוענְט מֶען מִנְחָה, מֶען זִיצְט אִינְאֵיינֶעם אוּן מֶען זִינְגְט דִי זְמִירוֹת פוּן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אוּן מֶען זָאגְט דִּבְרֵי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי יֶעדְן שַׁבָּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## מָאוִויס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ שֵׁדִים, שְׁדוֹת אוּן רוּחוֹת רָעוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ ווִיל אַייךְ זֵייעֶר בֶּעטְן, רֶעדְט נִישְׁט צוּ אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער ... תִּחְיֶ׳ פוּן זַאכְן וָואס אִיז פַּאר חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע ווַייבְּלֶעךְ. אֲפִילוּ מִיט חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע ווַייבְּלֶעךְ דַארְף מֶען נִישְׁט רֶעדְן פוּן דִי זַאכְן, זִיכֶער נִישְׁט מִיט יוּנְגֶע מֵיידְלֶעךְ; דָאס צֶעמִישְׁט זֵיי אוּן עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין גוּטְס פוּן דֶעם.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ פוּן מַיין הַארְץ, פוּן הַיינְט אוּן ווַייטֶער זָאלְט אִיר נָאר רֶעדְן מִיט שֵׂכֶל; אִיךְ פְּרוּבִיר אַזוֹי שְׁוֶוער אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי בֵּית פֵּיגָא תַּלְמִידוֹת רֵיינְקֵייט, זוּיבֶּערְקֵייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט; וָואס דַארְפְט אִיר רֶעדְן מִיט זֵיי פוּן זַאכְן וָואס זֵיי דַארְפְן נִישְׁט ווִיסְן? אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער שְׁרַייבְּט מִיר אַז דִי זַאכְן מַאכְן אִיר טְרַאכְטְן נִישְׁט גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת.

נָאךְ אַ זַאךְ בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, קוּקְט נִישְׁט קַיין מָאוִויס; אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע, אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי - טָאר נִישְׁט קוּקְן דִי זַאכְן, אַז מֶען קוּקְט מָאוִויס בְּרֶענְגְט מֶען אַרַיין אִין שְׁטוּבּ דִי שֵׁדִים, שְׁדוֹת אוּן רוּחוֹת רָעוֹת; וָואס ווִילְט אִיר? אִיר ווִילְט דִי בֵּייזֶע זַאכְן אִין שְׁטוּבּ? אָדֶער אַ לוֹיטֶערֶע שְׁטוּבּ - אַ הֵיילִיגְקֵייט?

אִיר הָאט דָאךְ אַ טֵייעֶרֶער מַאן, אִיר הָאט דָאךְ מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן, אִיר הָאט דָאךְ מִיט וֶועם צוּ לֶעבְּן; אִיז דָאךְ עֶנְדֶערְשׁ אִיר זָאלְט נֶעמֶען גוּטְס אַנְשְׁטָאט שְׁלֶעכְטְס, זִיס אַנְשְׁטָאט בִּיטֶער, לִיכְטִיגְקֵייט אַנְשְׁטָאט טוּנְקְלְקֵייט.

אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ נָאר ווַייל אִיר זֶענְט זֵייעֶר טֵייעֶר, אִיךְ זֶע אִין אַייךְ אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה.

...

## ׳אִיךְ בִּין הַיינְט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן׳

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי - הַחוֹדֶשׁ, מְבָרְכִים נִיסָן, כ״ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ; מִיט אַלֶע שְׁוֶועריְקֵייטְן וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, מִיט אַלֶע זַאכְן וְכוּ׳ וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן שַׁבָּת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן יז): ״צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת, כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד״, מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, ״וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבַּת קֹדֶשׁ, וְלִבְלִי לְהַרְאוֹת שׁוּם עַצְבוּת וּדְאָגָה כְּלָל, רַק לְהִתְעַנֵּג עַל ה׳״, שַׁבָּת טָאר מֶען נִישְׁט וַוייזְן קַיין שׁוּם עַצְבוּת, מֶען דַארְף אַרוּם גֵיין אַ גַאנְצְן צַייט מִיט אַ שְׁמֵייכְל.

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת, פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ, אוֹיךְ אִיז שַׁבָּת מְבָרְכִים נִיסָן, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, עֶרֶב דֶעם רֶבִּינְ׳ס גֶעבּוּרְטְסְטָאג; אִיז יֶעצְט אַ גוּטֶע צַייט אָנְצוּהֵייבְּן נוּצְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, זִיךְ בַּאנֵייעֶן, נִישְׁט זַיין אַלְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן סב): ״עַל כֵּן צָרִיךְ לְהַתְחִיל בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ״, מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּנְדַאסְנֵיי, נִישְׁט אַלְט וֶוערְן אוּן טְרַאכְטְן: ׳אִיךְ בִּין שׁוֹין מְקוֹרָב, אִיךְ קֶען שׁוֹין דִי זַאכְן, אִיךְ וֵוייס שׁוֹין דִי חִיזוּק׳; נָאר כְּסֵדֶר זִיךְ בַּאנֵייעֶן.

אִיךְ גֶעדֶענְק אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעוֶועןְ שַׁבָּת אִין בָּארָא פַּארְק בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ, אִיךְ בִּין אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי הָרַב רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ״א (אַלֶע יָארְן וֶוען אִיךְ פְלֶעג גֵיין צוּ מוֹהֲרָא״שׁ אוֹיף שַׁבָּתִים הָאט עֶר מִיר אַריינְגֶענוּמֶען; אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעזֶען אוּן גֶעלֶערְנְט בַּיי אִים). גֶעדֶענְק אִיךְ וִוי מִיר הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט בַּיים טִישׁ פוּן רֶבִּי׳ן אוּן פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, אִינְמִיטְן שְׁמוּעֶסְן רוּפְט זִיךְ אָן אֵיינֶער פוּן רֶבִּי יִצְחָקְ׳ס קִינְדֶער: ״טַאטֶע וֶוען בִּיסְטוּ מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרָא״שׁ?״ הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: ״הַיינְט״; אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַזוֹי

פַּארְפְלַאמְט פוּן דִי תְּשׁוּבָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען מִיט אַזַא אֱמֶת, מִיט אַ חֵן, 'אִיךְ בִּין הַיינְט מְקוּרָב גֶעוָוארְן'; מִיט אַזַא פְרִישְׁקֵייט, מִיט אַזַא הִתְחַדְשׁוּת.

מִיר וֵוייסְן דָאךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶערוּמְט דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער צַדִיק רֶבִּי זוּשָׁא אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר בִּרְצִיפוּת מִיטְ'ן זֶעלְבְּן בְּרֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַדְרֵיגָה, ווייל בְּדֶרֶךְ כְּלַל וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֵייבְּט מֶען אָן מִיט אַ בְּרֶען אוּן נָאכְדֶעם פַאלְט מֶען, מֶען קִילְט זִיךְ אָפּ; אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן זֶעלְבְּן בְּרֶען פַאר צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, לִיבֶּער חַבֵר, לָאמִיר אָנְהֵייבְּן טוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט; לָאמִיר גֵיין אַבִּיסְל זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אִים בֶּעטְן: "'קָרְבֵנוּ לְתוֹרָתֶךָ', זַיי מִיר מְקָרֵב אֵייבֶּערְשְׁטֶער - צוּ דַיין תּוֹרָה, 'וְהַחֲזִירֵנוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה לְפָנֶיךָ', קֶער מִיר צוּרִיק צוּ דִיר - גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל זַיין גוּט, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, דֶער יֵצֶר הָרָע לָאזְט מִיר נִישְׁט אָפּ קַיין אֵיין רֶגַע".

גֶעדֶענְק וָואס מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אַלֶע יָארְן בַּיי מוֹהֲרָא"ש; אַז מֶען הָאט לֶעמָאן זָאל מֶען מַאכְן פוּן דֶעם לִימָאנַאדֶע, אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דָאס בִּיטֶערְקֵייט אוֹיף גֶעשְׁמַאקְקֵייט.

דֶעם שַׁבָּת וֶועל אִיךְ זַיין אִין בָּארָא פַּארְק בַּיי מַיין טַאטֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב שְׁלִיטָ"א.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִיר**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי - הַחוֹדֶשׁ, מְבָרְכִים נִיסָן, כ״ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט אִיז דַיין גֶעבּוּרְטְס טָאג; עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (״סֵפֶר הַיּוֹם יוֹם״ יוֹם י״א בְּנִיסָן): ״בְּיוֹם הַהֻלֶּדֶת, עַל הָאָדָם לְהִתְבּוֹדֵד וּלְהַעֲלוֹת זִכְרוֹנוֹתָיו וּלְהִתְבּוֹנֵן בָּהֶם, וְהַצְּרִיכִים תִּיקּוּן וּתְשׁוּבָה - יָשׁוּב וִיתַקְּנֵם״, אִינֶעם גֶעבּוּרְטְסְטָאג דַארְף מֶען אַרַיינְטְרַאכְטְן וָואס מֶען דַארְף אַלְץ פַארְרֶעכְטְן אוּן מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

דֶער עִיקָּר אוֹיף וָואס מִיר אַלֶע דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן אִיז אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע טֶעג אִין לֶעבְּן אוּן מֶען פַארְלִירְט דִי אֱמוּנָה, מֶען פְרֶעגְט קַשְׁיוֹת: ׳פַארְוָואס?׳ ׳פַארְוָואס לַייד אִיךְ?׳ ׳פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט מַיין שִׁידוּךְ?׳ ׳פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין גֶעלְט?׳ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן.

דָאס אִיז דִי מַדְרֵגָה פוּן צַדִּיקִים; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט זֵיי אוֹיס מִיט בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת - דָאךְ הָאבְּן זֵיי נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוּן קַיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי וֵוייסְן אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט זֵיי - אִיז נָאר גוּט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, ג): ״עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִתְנַסָּה אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וְעָמַד בְּכֻלָּם, לְהוֹדִיעַ כַּמָּה חִבָּתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם״, אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט מֶען אוֹיסְפְּרוּבִּירְט מִיט צֶען נִסְיוֹנוֹת אוּן עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, עֶר אִיז נִישְׁט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן דִי אֱמוּנָה אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער מְגַלֶּה גֶעוֶוען דִי אֱמוּנָה פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. ״לְהוֹדִיעַ כַּמָּה חִבָּתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם״, דָאס וַוייזְט אוּנְז וִוי וַוייט אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען דָּבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר אִיז נִישְׁט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן דִי אֱמוּנָה אֲפִילוּ עֶר אִיז דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הַיינְט אִין דַיין גֶעבּוּרְטְסְטָאג זָאלְסְטוּ תְּשׁוּבָה טוּן; זָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִיר, אִיךְ גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה אַז אַלֶעס וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער אִיז נָאר פַאר מַיין טוֹבָה, אַלֶעס אִיז צוּ פַארְרֶעכְטְן מַיינֶע מַעֲשִׂים - פוּן יֶעצְט אוּן פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע גִלְגוּלִים. אִיךְ גְלֵייבּ אַז דוּ גֶעבְּסְט מִיר נָאר גוּטְס, דָאס וָואס אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ, עֶס טוּט מִיר וֵוי מַיין גַאנְצֶע גוּף, אוּן דָאס וָואס אִיךְ וַוארְט נָאךְ אוֹיף מַיין שִׁידוּךְ [אוּן אַזוֹי וַוייטֶער זָאלְסְטוּ אוֹיסְרֶעכֶענֶען אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער] - דָאס אִיז נָאר פַאר מַיין גוּטְס, מִיר צוּ אוֹיסְלַייטֶערְן, אִיךְ זָאל זַיין נֶענְטֶער צוּ דִיר".

נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וואוּנְדֶער מֶעדֶעצִין, דִי מֶעדֶעצִין קֶענְסְטוּ שׁוֹין יֶעצְט הָאבְּן; דַארְפְסְט נִישְׁט וַוארְטְן בִּיזְן זוּמֶער אוֹיף דִי נֵייעֶ מֶעדֶעצִין וָואס דֶער דָאקְטֶער זָאגְט דִיר אַז דָאס וֶועט דִיר הֵיילְן; קֶענְסְט שׁוֹין יֶעצְט אַיינְנֶעמֶען דִי מֶעדֶעצִין, זָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֵייל מִיר אוֹיס"; זִינְג דִיר דֶעם נִיגוּן: "וְרַפֵּא, יְרַפֵּא, וְרַפֹּא יְרַפֵּא יְרַפֵּא; דוּ הָאסְט דֶער כֹּחַ צוּ הֵיילְן, טוּ דַיין רְפוּאָה צוּאֵיילְן - הֵייל מִיר אוֹיס", וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵייל מִיר אוֹיס, הֵייל הֵייל - מִיר אוֹיס", בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר שִׁיקְן אַ רְפוּאָה, דוּ זָאלְסְט זַיין גֶעזוּנְט; בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט שׁוֹין טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, דַיין פָּאר, זָאלְסְט זַיין גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן; דִי טְרֶערְן וַואשְׁן אָפּ אַלֶע פְלֶעקְן, דִי טְרֶערְן וַואשְׁן אָפּ אַלֶע צָרוֹת.

אָבֶּער דָאס וֵויינֶען דַארְף קוּמֶען פוּן אַ רֵיינֶע פְּלַאץ אִין הַארְץ, נִישְׁט פוּן דִי אָנְגֶעוֵוייטָאגְטֶע פְּלַאץ; נִישְׁט פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, נִישְׁט פוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע - נָאר מִתּוֹךְ שִׂמְחָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קעה) וֶוען מֶען וֵויינְט דַארְף דָאס זַיין פוּן אַ פְרֵייליכֶע פְּלַאץ אִין הַארְץ, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן בְּכִיָּה אִיז (תְּהִלִּים פט, יז): "בְּ'שִׁמְךָ יְ'גִילוּן כָּ'ל הַ'יּוֹם, וּבְצִדְקָתְךָ יָרוּמוּ", אִיךְ וֵויין פוּן שִׂמְחָה, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ אַ בַּאשֶׁעפֶער; אִיךְ בִּין נִישְׁט אַלֵיינְס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, עֶר הִיט מִיר, עֶר טוּט וָואס אִיז בֶּאֱמֶת גוּט פַאר מִיר.

שַׁבָּת וֶועל אִיךְ זַיין אִין בָּארָא פַּארְק בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א.

זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## עֶפֶענֶען אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְקוּדֵי - הַחוֹדֶשׁ, מְבָרְכִים נִיסָן, כ״ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בֵּית שֶׁמֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ דִי גוּטֶע נֵייעֶס אַז אִיר וִוילְט עֶפֶענֶען אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ. אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן יָארְן צוּרִיק וֶוען דוּ הָאסְט מִיר גֶעפְרֶעגְט וֶועגְן עֶפֶענֶען אַ חֵדֶר [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], קוֹדֶם וִויל אִיךְ זֶען אוֹיבּ אִיר הַאלְט בִּכְלַל בַּיי עֶפֶּעס, עֶפְנְט אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ עֶפֶענֶען, מֶען הֵייבְּט נִישְׁט אָן מִיט אַ חֵדֶר.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אַז אֵיינֶער אִיז מַסְכִּים אַוֶועק צוּ גֶעבְּן זַיין חָצֵר מֶען זָאל דָארְט בְּרֶענְגֶען טְרֶעילֶערְס אוּן מַאכְן אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; עֶר גֶעבְּט דָאס אַוֶועק פַאר צְוֵויי יָאר בְּחִנָּם, נָאכְדֶעם דַארְף מֶען צָאלְן רֶענְט אוּן עֶס בְּלַייבְּט זַיינְס, אִיר וִוילְט וִויסְן אוֹיבּ עֶס לוֹינְט זִיךְ; דוּ שְׁרַייבְּסְט נִישְׁט וִויפִיל עֶס וֶועט קָאסְטְן, שְׁרַייבּ מִיר מֶער פְּרָטִים מֶען זָאל זֶען אוֹיבּ עֶס לוֹינְט זִיךְ.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע חֲבֵרִים, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט הַפָּצָה, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן בְּעִיקָר אִין הִתְבּוֹדְדוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת קֹרַח, כ״ו סִיוָן, שְׁנַת תשע״ז לִפְרָט קָטָן**
**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ זֶע אַז דוּ הָאסְט מְפַרְסֵם גֶעוֶוען אוֹיף מַיין נָאמֶען אַז אִיךְ עֶפְן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ; לְדַעְתִּי אַז דוּ הָאסְט נִיטְאַמָאל קַיין מִנְיָן ׳הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ׳, אַזוֹי וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר, אַז דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ וואוּ אִין אַ מִדְבָּר שְׁמָמָה - הֵייבּ אָן קוֹדֶם מִיט אַ מִנְיָן ׳הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ׳ אוּן נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ גֵיין וַוייטֶער. אִיךְ וִויל דִיר נִישְׁט מַחֲלִישׁ דַעַת זַיין, אוּן אוֹיבּ דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דוּ הָאסְט דִי כֹּחוֹת דֶערְפַאר - אַדְרַבָּה וְאַדְרַבָּה, אָבֶּער דוּ דַארְפְסְט וִויסְן אַז אַ חֶדֶר אִיז נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטְ׳עֶ זַאךְ צוּ עֶפֶענֶען, מֶען דַארְף זַיין רֶעאַלִיסְטִישׁ.

מֶען קֶען נִישְׁט טוּן קַיין ווילְדֶע זַאכְן וְכוּ׳, וַוייל נָאכְדֶעם הָאט מֶען חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אוּן מֶען קֶען אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְפַאלְן. אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט מוֹסְדוֹת, דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה הָאבְּן מִיר שׁוֹין גֶעעֶפְנְט זִיבְּן יָאר צוּרִיק - תש״ע, אוּן דִי מֵיידְל סְקוּל הָאבְּן מִיר גֶעעֶפֶענְט תשע״א - זֶעקְס יָאר צוּרִיק אוּן מִיר שְׁפֵּייעֶן בְּלוּט יֶעדְן טָאג צוּ קֶענֶען וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מַיין מֹחַ פוּן אַמָאל, אוּן זִיכֶער נִישְׁט מַיינֶע כֹּחוֹת פוּן אַמָאל, אוּן אִיךְ אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג פַאר דִי מוֹסָד.

אַוַדַאי אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ הָאבְּן מוֹסְדוֹת וואוּ מֶען קֶען מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי מוֹהֲרַא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רט): ״אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטוּן״, אוּן רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם): ״וְאָמַר בְּרֶתֶת וְזִיעַ בְּהִתְלַהֲבוּת נוֹרָא״, אַז דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע פְלַאם אוּן מִיט אַ פְלַאקֶער; אָבֶּער דוּ דַארְפְסְט וִויסְן אִין וָואס דוּ גֵייסְט אַרַיין.

מֶען זָאגְט פַארְ׳ן כֹּהֵן גָּדוֹל יוֹם הַקָּדוֹשׁ פַאר עֶר גֵייט אַרַיין אִין קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים (סֵדֶר עֲבוֹדָה לַיּוֹם כִּיפּוּר, אַתָּה כּוֹנַנְתָּ): ״רְאֵה לִפְנֵי מִי אַתָּה נִכְנָס, לִמְקוֹם אֵשׁ לַהֶבֶת שַׁלְהֶבֶת״. מֶען דַארְף וִויסְן פָארְאוֹיס וָואס מֶען טוּט, מֶען זָאל נִישְׁט נָאכְדֶעם מַאכְן קַיין בִּזָיוֹן פַארְן רֶבִּי׳ן מִיטְן פַארְמַאכְן וְכוּ׳.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן לֵייג אַרַיין דַיין גַאנְצֶע כֹּחַ אִין הֲפָצָה; זַיי דִיךְ מְקַשֵׁר

מִיט דַיין בְּרוּדֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר וֶועט דִיר שִׁיקְן דִי נֵייעֶ סִידִי׳ס אוּן דָאס זָאלְסְטוּ מֵפִיץ זַיין. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֶעבְּן פַּאר דַיין חַבֶר ... נֵרוֹ יָאִיר עֶר זָאל דָאס מֵפִיץ זַיין, וּבִזְכוּת וָואס דוּ וֶועסְט עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה וֶועסְטוּ הָאבְּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער אוּן דוּ וֶועסְט זֶען עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

אַ גוּטְן טָאג.]

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פְּאֵר קִינְדֶער

## דִּי פִּישְׁעלֶעךְ טַאנְצְן אַרַיין אִינֶעם שִׁיף

וואוּ הָאט דֶער רֶבִּי חֲתוּנָה גֶעהַאט, וֶוער וֵוייסְט ?

דֶער רֶבִּי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִין אַ קְלֵיין שְׁטֶעטְל אוּסְיַאטִין; דָארְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין שְׁטִילֶע פְלֶעצֶער וואוּ קֵיינֶער גֶעפוּנְט זִיךְ נִישְׁט, דָארְט פְלֶעגְט עֶר אַסַאךְ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער חָבֵר, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים הֶעלְפְן עֶר זָאל וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, עֶר זָאל נִישְׁט טוּן קַיין זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל נִישְׁט, עֶר זָאל טוּן נָאר מִצְווֹת אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים.

דֶער רֶבִּי אִיז דֶעמָאלְט נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען בַּאוואוּסְט, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוִויסְט אַז דֶער רֶבִּי דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן הָאט גֶעזוּכְט אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער וֶועט אִים נִישְׁט קֶענֶען זֶען, בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר גֵייט

אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם טַייךְ, זִיךְ דָארְט בַּאהַאלְטְן.

אִין דִי שְׁטֶעטֶעלֶע אוּסְיַאטִין לוֹיפְט אַרִיבֶּער אַ וַואסֶערְל, אַ קְלֵיינְטְשִׁיגֶע טַייךְ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ קְלֵיינֶע שִׁיפֶעלֶע, עֶר פְלֶעגְט אַרִיבֶּער שְׁווימֶען צוּם אַנְדֶערְן זַייט בְּרֶעג, דָארְט הָאט עֶר גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעדַאוֶונְט, גֶעלֶערְנְט אוּן זִיךְ אַסַאךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען.




שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי פִישֶׁעלֶעךְ!

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעשְׁווימֶען מִיטְ דִי שִׁיפֶעלֶע הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל גֶעשֶׁען אַ נֵס, עֶס זָאלְן

אַרַיינְטַאנְצְן אַפָּאר פִּישֶׁעלֶעךְ אִינֶעם שִׁיפֶעלֶע; עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ רֶעד צוּ דִיר אַזוֹי סַאךְ, אִיךְ וִויל זֶען אַז דוּ הֶערְסְט מִיר אוֹיס, בַּאוַוייז זִיךְ פַאר מִיר; אִיךְ בֶּעט יֶעצְט עֶס זָאל גֶעשֶׁען אַ נֵס, דִי פִּישׁ זָאלְן אַרַיינְקוּמֶען אִינֶעם שִׁיף", פְּלוּצְלוּנְג זֶעט דֶער רֶבִּי וִוי פִּישׁ הֵייבְּן אָן אַרַיינְטַאנְצְן אִינֶעם שִׁיף; דָאס הָאט שְׁטַארְק גֶעמַאכְט דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָאל וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס זַיינֶע תְּפִילוֹת.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער בַּאוַוייז זִיךְ פַאר מִיר, וַוייז מִיר וִוי דוּ הֶערְסְט אוֹיס מַיינֶע תְּפִילוֹת!"

קִינְדֶער, מֵיינְט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט נִישְׁט אוֹיס אַייעֶרֶע תְּפִילוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם, "כִּי אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת כָּל פֶּה" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדְנְ'ס גֶעבֶּעט; מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין דֶעם, דֶעמָאלְט זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער.

---

חשוב'ע טייערע קינדער שיחיו!

דער גליקליכער געווינער פון חודש ניסן איז הילד החשוב כמר אהרן הכהן פריעדמאן נרו יאיר פון כתה ד' אין תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב ליבערטי, וועלכער האט אריינגעשיקט די פאלגנדע הודעה:

"איך האב זיך ארויסגעלערנט פון עצתו אמונה פאר קינדער, פרשת ויקהל פקודי, אז וואס מ'בעט דעם אייבערשטן העלפט דער אייבערשטער".

די קומענדיגע גורל וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף פארקומען

**מאנטאג פרשת תזריע מצורע, ראש חודש אייר.**

**געדענקט, מיט יעדע מעסידזש וואס מען שיקט אריין גייט מען נאכאמאל אריין אינעם גורל!**

**כאפטס אריין!**

די נומער וואו מען קען דערווייל לאזן מעסידזשעס איז:

718-387-2691 - אפציע 6, די קינדער וואס לערנען אין די היכל הקודש ברסלב תלמוד תורה קענען דאס איבערגעבן פאר זייער מלמד שליט"א, אדער קען מען דאס שיקן אויף פאסט צום אדרעסס:

Keren Hadfusa of Breslev 27 Skillman Street Brooklyn NY 11205

אזוי אויך קען דאס ווערן געשיקט דורך די עלטערן צום אימעיל אדרעסס: info@kerenhadfusa.org

א חלק פון די הערליכע מעסידזשעס וואס די חשוב'ע קינדער שיחיו האבן אריינגעשיקט:

**"איך האב זיך ארויסגעלערנט פון עצתו אמונה אז אפילו ס'פאסירט עפעס נישט גוט, דארף מען ווייטער זיין פרייליך".**

נחמן נתן וויינבערג, תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב, ליבערטי, כתה ד', אצל המלמד הר"ר ישראל יוסף שניצלער שליט"א

**"איך האב זיך ארויסגעלערנט פון עצתו אמונה אז וויפיל מ'בעט דעם אייבערשטן מ'זאל זיין א צדיק, העלפט דער אייבערשטער און מ'ווערט א צדיק"**

בעריש'ל ברזעסקי, תלמוד תורה ברסלב מגן אבות, צפת

**"איך האב זיך ארויסגעלערנט פון עצתו אמונה פרשת ויקהל-פקודי, אז מ'טאר נישט קוקן אויף א צלם אזוי ווי דער רבי האט געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל עס נישט זען"**

אליעזר שלמה שטיינבערג, תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב ליבערטי, כתה א', אצל המלמד הר"ר הערשל שניצלער שליט"א

# קול ברסלב האטליין אפדעיטס, מאנטאג ויקהל פקודי - מאנטאג ויקרא תשפ"א

דרוקט ① פאר אידיש, און דערנאך:

## 0 אפדעיטס און נייעס

## 1 חיזוק יומי • נייע שיעורים

◄ 1 חיזוק יומי פון דער ראש ישיבה שליט"א

- שטעל דיך פאר איך דארף כאפן א חיה, עס שחט'ן, אויסארבעטן די הויט...!
- אבער הייליגער באשעפער ווען איך טראכט פון מיין זיידן דארטן ערגעץ ווייט
- תכלית גערעדט... די וועלט האט נאך עפעס א צוקונפט?
- ווען איך זאל האבן א מאמע! ווען איך זאל האבן א מאמע!
- האט ער ארויסגעשריגן: גיטעלע! דאנקען גאט איך גיי אוועק פון די וועלט מיט בארד און פיאות!

◄ 2 חיזוק יומי פון מוהרא"ש זי"ע

◄ 3 נייסטע שיעור פאר בחורים

◄ 4 נייסטע שיעור פאר אינגעלייט

◄ 5 נייסטע שיעור אין בבלי

◄ 6 נייעסטע שיעור אין ירושלמי

◄ 7 קאראנע אפטיילונג

◀ 9 ענינא דיומא: *** יום טוב פסח אפטיילונג***

◀◀ 1 שיעורים פון דער ראש ישיבה שליט"א אויף פסח

◀◀ 2 שיעורים פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו אויף פסח

◀◀ 3 נוסח ההגדה

◀◀ 4 מגילת שיר השירים הערליך פארגעלערנט

◀◀ 5 סיפורי צדיקים אויף פסח פאר קינדער

◀◀ 6 משניות מסכת פסחים מיט צו זאגן

## 2 שיעורים פון ראש ישיבה שליט"א (ביים סוף פון די וועכנטליכע מפתח איז דא ליסטע פון שיעורים פון די פארגאנגענע יארן)

◀ 1 טעגליכע דרשות

◀◀ 7

◀◀◀ 1

105 - סעודת ברית דינסטאג ויקהל פקודי תשפ"א לבן הראש ישיבה שליט"א

106 - שיעור פון דינסטאג ויקהל פקודי תשפ"א: קענסט געהאלפן ווערן

107 - סעודת ברית מיטוואך ויקהל פקודי תשפ"א לבן ר' נחמן ישראל יאקאבאוויטש

108 - שיעור פון מיטוואך ויקהל פקודי תשפ"א: איך דארף ווארעמקייט

◄ 2 וועכענטליכע דרשות

◄◄ 6

21 - שיעור פאר אינגעלייט ליל ה' ויקהל-פקודי: מ'גרייט זיך אויף פסח

◄ 3 מועדים וזמנים

◄ 4 חינוך שיעורים

◄ 5 שו"ת און בריוו

◄ 6 שולחן ערוך

◄ 7 גמרא בבלי

◄◄ 4

108 - פסחים דף קח, ביים סוף: איבער'ן גרויסן זיידן, כ"ק גאב"ד קארסלבורג זצוק"ל

109 - פסחים דף קט, ביים סוף: איבער'ן גרויסן זיידן, כ"ק גאב"ד קארסלבורג זצוק"ל

110 - פסחים דף קי, ביים סוף: ארגאניזירטע מענטשן זענען א גרויס רחמנות. אויך איבער'ן גרויסן זיידן גאב"ד קארסלבורג זצוק"ל.

111 - פסחים דף קיא, צום סוף: שבת ערב פסח

112 - פסחים דף קיב, ביים סוף: חיזוק פאר מלמדים

113 - פסחים דף קיג, ביים סוף: די חשיבות פון גמרא

114 - פסחים דף קיד, ביים סוף: אריינברענגען אין קינדער א ליבשאפט צו מצוות

◀ 8 שיעורי נ"ך

◀◀ 7

מיטצוהאלטן די שיעור אין נ"ך, לויט די סדר פון צוויי פרקים ליום, וואו מען האלט יעצט אין ספר ישעיה, קען מען דרוקן נומער 7 און אויסוועלן די קאפיטל וואס מען וויל הערן.

צו הערן מגילת שיר השירים הערליך פארגעלערנט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א, דרוקט 1, 9, 4 פון די מעין מעניו.

◀ 9 גמרא ירושלמי

- פרישע שיעורים צוגעלייגט

◀ 10 חיזוק קאלס

◀ 11 משנה תורה להרמב"ם

- פרישע שיעורים צוגעלייגט

## 3 שיעורים פון מוהרא"ש זי"ע

◀ 1 בראשית

◀ 2 שמות

◀ 3 ויקרא

◀ 4 במדבר

◀ 5 דברים

◀ 6 מועדים וזמנים

◀ 7 פארשידענע דרשות

◀ 8 ליקוטי מוהר״ן

◀ 9 שמועסן פון פריערדיגע יארן

## 4 מלמדים שטיבל • אנדערע שיעורים

◀ 1 שיעורים פון הרב יצחק לעזער שליט״א

◀ 2 מלמדים שטיבל • שיעורי חינוך • אינטערוויוס

◀◀ 1 מלמדים שטיבל

- פרישע שמועסן

◀◀ 2 חינוך שמועסן פון די גמרא שיעורים פון ר״י

◀◀ 3 חינוך שיעורים פון ראש ישיבה שליט״א

◀◀ 4 חינוך שיעורים אין ת״ת היכל הקודש וומ״ס

◀◀ 5 אינטערוויוס מיט מלמדים און מחנכים

## 5 היכל נגינה

◀ 0 אלע ניגונים שאפל רענדאם

◀ 1 ווארימע ניגונים

◀ 2 גראמען

◀ 3 לעבעדיגע ניגונים

◀ 4 נוסח

◀ 5 סינגלס

◀ 6 ניגונים אן מוזיק לימי הספירה

## 6 שיעורים מיט צו זאגן

◀ 1 משניות

◀ 2 תהילים • תיקון הכללי • תפילת הדרך • פרשת המן

◀ 3 חומש

◀ 4 **ב**בלי, **י**רושלמי, **ת**וספתא **נצחי**

◀ 5 ליקוטי מוהר"ן

## 7 פאמיליע ווינקל

◀ 1 מעשיות פון תפלה

- פרישע שמועסן

◀ 2 סיפורי מעשיות

◀ 3 סיפורי צדיקים

◀ 4 הפצה בליצן

- פרישע שמועסן

◀ 5 אינטערוויוס

111 - דברי הספד והערכה אויף כ"ק הגה"צ גאב"ד קארלסבורג זצ"ל דורך זיין אייניקל ר' יצחק אייזיק ראטה

◄ 6 15 מינוטיגע לאנטש ברעיק שמועסן

◄ 7 שיחות חברים

- פרישע שמועסן

## 8 זיך אויפצוסיינען צו באקומען עצתו אמונה אויף פאסט

- דרוקט נומער 1

## 9 נדבות • אנווייזונגען • הוקאפ • מערכת

◄ 1 נדבות

◄ 2 אנווייזונגען וויאזוי צו נוצן דעם האטליין

◄ 3 וויאזוי צו באקומען די חיזוק יומי און די שיעורים

◄ 4 די טעלעפאן נומערן פון קול ברסלב אין אנדערע לענדער

◄ 5 לייוו הוקאפ

◄ 9 צו לאזן א מעסעדזש פאר'ן מערכת

שיעורים און דרשות פון דער ראש ישיבה שליט״א פון די פארגאנגענע יארן

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א און דערנאך 1 פאר טעגליכע דרשות~

2, 44: ה׳ ויקרא תשע״ו – אן קיין ספיקות
2, 45: ב׳ צו תשע״ו – גיין צו א צדיק
2, 46: ג׳ צו תשע״ו – די שיינקייט פון א איד

3, 80: א׳ ויקרא תשע״ז – הונגעריג ווי א בער

*4, 86: ג׳ ויקרא תשע״ח - ארויס פון מצרים

*4, 87: ד׳ ויקרא תשע״ח - שוין נענטער צו פסח

*4, 88: ה׳ ויקרא תשע״ח - חומרות אן נערוועזקייט

***4, 89: ב׳ צו תשע״ח - די אייגענע מצרים**

***4, 90: ג׳ שמיני-א׳ תשע״ח - ממצרים גאלתנו**

***4, 91: ד׳ שמיני-א׳ תשע״ח - בדיקת חמץ**

5, 97: ב׳ ויקרא תשע״ט – קיינער דארף מיר נישט

5, 98: ג׳ ויקרא תשע״ט – שמייכלען ווען עס איז שווער

***5, 108: ב׳ תזריע תשע״ט - ס׳שמעקט שוין פסח**

***5, 109: ג׳ תזריע תשע״ט - ווילסט בלייבן אין מצרים?**

***5, 115: ג׳ אחרי-א׳ תשע״ט - מאך פסח׳דיג דיין פאון**

***5, 117: א׳ דחול המועד פסח תשע״ט - ממצרים גאלתנו**

6, 98: ב׳ ויקרא תש״פ – ווער האט אריינגעברענגט קאראנע?

6, 99: ב׳ ויקרא תש״פ – שבע ברכות להחתנים ר׳ יחזקאל שארף ור׳ שרגא שטראססער הי״ו

6, 100: ד׳ ויקרא תש״פ – וואו כאפט מען קאראנע?

*6, 101: ד׳ ויקרא תש״פ בקרית ברסלב - עס קומט שוין פסח

6, 102: א׳ צו תש״פ – אמונה מיט קאראנע

***6, 103: ב׳ צו תש״פ - סדר נאכט אין קאראנע צייטן**

***6, 104: ג׳ צו תש״פ - נישט זיך מישן מיט קאראנע**

6, 105: ד׳ צו תש״פ – אויסגעלייזט פון קאראנע

***6, 106: א׳ שמיני-א׳ תש״פ - א כשר׳ן פרייליכן פסח**

***6, 107: ב׳ דחול המועד פסח תש״פ - וואס האט פסח מיט מיר?**

## שיעורים פאר אינגעלייט:

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט״א און דערנאך 2 פאר וועכנטליכע דרשות~

3, 20: ב׳ ויקרא תשע״ח – פארשטיין די ווייב

***3, 21: ב׳ צו תשע״ח - א פרייליכן ערב פסח**

***3, 22: ב׳ שמיני-א׳ תשע״ח - עס איז צייט ארויסצוגיין פון מצרים**

4, 20: ה׳ שמיני תשע״ט – מאך פרייליך דיין ווייב

***4, 23: ה׳ מצורע תשע״ט - סדר נאכט**

***4, 24: ד׳ אחרי-א׳ תשע״ט - א פרייליכן פסח**

5, 21: ה׳ ויקרא תש״פ – וואס לערנט אונז קאראנע?